STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03588

TIM BAK

H. Goralnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„געבענטשט איז דער זייער וואָס
פּאַרזייט זיין לעבן אין דער שוואַרצער
ערד פון דער געשיכטע, כדי סיזאָלן
שפּראָצן די געוויקסן פון מאָרגן".
מ. אָלגין ווענן לעניניען, 1924.

אַרויסגעגעבן פון נאַציאָנאַלן אידישן קאָמיטעט לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי
73 עדעלייד סט. וועסט, טאָראָנטאָ אָנט.
מערץ, 1946.

Published by
National Jewish Committee, Labor-Progressive Party
73 Adelaide St. West, Toronto, Ont.
March, 1946.

28

ה. גורעלניק

טים באק

(קורצע ביאָגראַפיע)

פאָרווערטס
פון י. גערשמאַן

פארווארט

הונדערטער טויזנטער מענטשן אין קאנאדע זיינען באקאנט מיט דעם נאמען טים באק. צענדליקער טויזנטער קענען אים פערזענלעך, און צו זיי איז ער א נאענטער פריינט און אייגענער מענטש. דאך זיינען ניט פאר אלעמען באקאנט אלע איינצעלהייטן פון דעם לעבן און ווירקן פון אט דעם זעלטענעם מענטשן. זיין קאלירפולע פערזענלעכקייט פארכאפט יעדן איינעם, וואס האט אים כאטש איינמאל געהערט ריידן. און די וואס קומען מיט אים אין בארירונג געפינען אלעמאל אויס, נאך יעדן מאל טרעפן זיך מיט אים, אז אנדער מעלה זיינע. אבער אפילו א סך גאר נאענטע מענטשן צו טים באק זיינען ניט באקאנט מיט זיין לעבנס־גאנג פון קינדוויז אן. זיין ביאגראפיע ווייסן זיי ניט. אט אזוי קען מען טים'ען יארן לאנג. מען נעמט אן, אז אזא איז ער, דאס איז ער, און מען שטעלט מער ניט קיין פראגן.

דעריבער איז פון גאר גרויס באדייטונג דאס ביכל פון ה. גוראלניק וועגן טים באק. די דעטאלן, מיט וועלכע דער לייענער וועט זיך באקענען אין דער ביאגראפיע פון דעם נאציאנאלן פירער פון דער לעיבאר פראגרעסיוו פארטיי, וועלן דערמעגלעכן דעם לייענער צו באגרייפן פונוואנען עס האט זיך גענומען צו טים באק אזא טיפע און אין דער זעלבער צייט נאטירלעכע ליבע צום פשוט'ן מענטשן, פארוואס ער האט אלע יארן מיט אזא פלאמיקן באגער זיך אפגעגעבן דעם קאמף פארן וואוילזיין פון דער מענטשהייט, און במילא וועט קלאר ווערן פארוואס טויזנטער פון אלע פאלקס־שיכטן טראגן אין זיך נישט בלויז א געפיל פון פארגעטערונג פאר טים באק, נאר פארוואס זיי האבן אים אויך פשוט און פראסט שטארק ליב.

פאר דעם לייענער פון אט דער ביאגראפיע וועט אויך קלאר ווערן דער סאמע תוך פון דער קאמוניסטישער באוועגונג אין קאנאדע. די ביאגראפיע אנטפלעקט די אויסגעהאלטענע ארבעטער־פראגראם פון טים באקס פארטיי, באזירט אויף מארקסיזם־לעניניזם — די איינציקע פראגראם, וואס דערמעגלעכט די אנטוויקלונג פון אזעלכע פירער ווי טים באק. טים באקס פריינטלעכע נאטור, זיין ליבע צום אונטערדריקטן און זיין שנאה צו די אונטערדריקער. זיין אויסגעהאלטנקייט אינעם קאמף פאר סאציאליזם, איז געלייטערט געווארן אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, פון וועלכער ער איז איינער פון די הויפט־פירער פאר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאר.

פאר דעם אידישן ארבעטער און פאלקס־מענטשן אין קאנאדע וועט די ביאגראפיע פון טים באק זיין פון באזונדערן ווערט. צענדליקער טויזנטער אידן קענען אים. גאר באזונדערס קענען אים די נאדל־פאך ארבעטער און א סך מיטגלידער פון אידישע פאלקס־ארגאניזאציעס אין טאראנטא און אין אנדערע שטעט. די אידישע ארבעטער קענען אים צוליב דער הילף וואס ער האט זיי געגעבן אין די פארשיידענע קאמפן, אין וועלכע זיי זיינען געווען פארוויקלט, און אידישע פאלקס־מענטשן בכלל קענען אים א דאנק זיין אומדערמידלעכן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם און קעגן יעדן סימן פון ראסן־דיסקרימינאציע.

ווען מען לייענט די דאזיקע ביאגראפיע פארשטייט מען קלארער פאר־

וואָס טים באַק האַנדלט אַזוי. ער טוט עס ניט אַלס אַ פאָרמעלע פּאָליטישע פליכט, נאָר דערפאַר ווייל דאָס איז אַזוי שטאַרק נאַטירלעך פאַר אים, דער־פאַר ווייל דאָס איז אַ טייל פון זיין גאַנצן לעבנס־גאַנג.

ה. גוראַלניק, דער מחבר פון דער קורצער ביאָגראַפיע, איז איינער פון די פאַסיקסטע מענטשן איבערצוגעבן דעם לייענער די פּרטים פון טים באַקס לעבן און אַנטוויקלונג. ה. גוראַלניק קאָן טים׳ען זינט 1923. ער איז צוזאַמען מיט טים באַק געווען אויף פאַרשיידענע קאָמיטעטן און געמיינשאַפטלעך דורכגעפירט וויכטיקע אַקציעס לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם קאַנאַ־דער פאָלק. ה. גוראַלניק איז געווען איינער פון די פירער פון דעם קאַנאַדער לעיבאָר דעפענס ליג, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג פון טים באַק און זיינע 7 חברים, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין דער קינגס־טאָנער תּפיסה, בעת עס האָט איבער קאַנאַדע געהערשט דער טעראָר־רעזשים פון דעם רעאַקציאָנער ר. ב. בענעט.

אין די יאָרן ווען ה. גוראַלניק איז געווען אַן אַרבעטער אין שאַפּ און אַ מיטגליד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד, האָט ער, אַלס איינער פון די לינקע פירער אינעם קאַמף קעגן דער ביוראָקראַטיע אין דער יוניאָן, געהאַט דעם כבוד מיטצואַרבעטן מיט טים באַק, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער פירער פון דער טרעיד יוניאָן עדיוקעישאָנעל ליג אין קאַנאַדע.

ה. גוראַלניק איז איינער פון די גלענצנדיקסטע אידישע זשורנאַליסטן אין קאַנאַדע. שרייבנדיק די ביאָגראַפיע האָט ער אַכטונג געגעבן ניט בלויז אויף דער ריינקייט און פליסיקייט פון דער שפּראַך, נאָר ער האָט באַוויזן דורך די שורות איבערצוגעבן די נשמה פון טים באַק. מיט דער ביאָגראַפיע האָט ה. גוראַלניק פאַרקערפּערט אין שריפט אַ מאָנומענט, וואָס איז שוין לאַנג געקומען דעם ברילאַנטענעם אַרבעטער־פירער טים באַק, וועלכער טיילט די היסטאָרישע גרויסקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פירער אינעם אַלטן צאַרישן רוסלאַנד און אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און פון אַזעלכע ריזן אַרבעטער־פירער ווי קאַשען און טאָרעז אין פראַנקרייך, ליבקנעכט און טעלמאַן אין דייטשלאַנד, רוטענבערג און פאָסטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנ־דערע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער פיגורן.

דער נאַציאָנאַלער אידישער קאָמיטעט פון דער לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַר־טיי גיט אַרויס די ביאָגראַפיע פון טים באַק ווי אַ חוב, וואָס אונזער פּאַרטיי איז שולדיק צו די צענדליקער טויזנטער אידישע אַרבעטער און אַנטי־פאַ־שיסטן, וועלכע פאָלגן נאָך עטלעכע צענדליק יאָר די פירערשאַפט פון טים באַק און זיין פּאַרטיי. מיר אַפּעלירען צו די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען נאָך ניט קיין מיטגלידער פון דער ל. פּ. פּ. אָנצושליסן זיך אין דער פּאַרטיי פון טים באַק. דאָס קאַנאַדער פאָלק שטייט פאַר גרויסע געשעענישן. דאָס אידישע פאָלק שטייט ערשט איצט פאַר דער סאַמע אויפ־גאַבע פון באַזיגן מאָראַליש און פיזיש די פריש־אויפגעקומענע פאַשיסטישע שלענג. דורך אַ מעכטיקער לעיבאָר־פּראָגרעסיוו פּאַרטיי וועט מען קאָנען באַגעגענען די געשעענישן אין לאַנד, און דער קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע — די ביטערסטע שונאים פון אידישן פאָלק — וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

י. גערשמאַן

אַרײַנפֿיר

ווען די מיינער פון בלעירמאָר, אַלבערטאַ, האָבן דערוויילט זייער מעיאָר און דעם שטאָט־ראַט און גענומען פאַרוואַלטן מיט זייער אייגענעם שטאָטישן לעבן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זייער זיג איז געווען אַ פּועל־יוצא פון לאַנגע יאָרן קאַמף פאַר אַ שטאַרקער יוניאָן, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און שכירות. און ווען זיי האָבן געוואָלט אויסדריקן זייער אָנערקענונג און ליבשאַפט צו דעם מאַן, וואָס האָט זיי געהאָלפן אין די שווערסטע צייטן פון ביטערן שטרייט און וואָס האָט פאַר זיין מי לטובת זיי און טויזנטער אַנדערע אַרבעטער געליטן פון פאַרפאָלגונג, האָבן זיי די הויפּט־גאַס פון זייער שטעטל אַ נאָמען געגעבן — „טים באַק בולוואַר".

ווען די נאָדל־פאַך אַרבעטער פון טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל אָדער וויניפּעג דערמאָנען זיך וועגן די ביטערע צייטן פון סטרייקס פאַר בעסערע באַדינגונגען, אָדער וועגן די קאַמפן פאַר דעמאָקראַטישע רעכט אין די יוניאָנס, קעגן דעם טעראָר פון די ביוראָקראַטישע באַאמטע, קומט זיי אויפן זינען דער נאָמען פון אַן אַרבעטער־פירער וועלכער האָט זיי געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, ווי אַן אמת'ער פריינט זייערער, און וועלכער איז פאַרבליבן זייער פריינט ביז היינטיקן טאָג. און ניט בלויז צווישן די נאָדל־פאַך אַרבעטער, נאָר אומעטום אין קאַנאַדע, וואו מענטשן האָרעווען פאַר אַ לעבן, וואו מענטשן ראַנגלען זיך מיט דער נויט און זוכן אַן אויסוועג, און האָפן און שטרעבן צו בעסערע צייטן, געפינען זיך אַ סך וואָס דערמאָנען מיט פאַרערונג דעם נאָמען — טים באַק. אַ האַרציקער מענטש, זאָגן זיי, אַ „נאַש־בראַט", אַ פריינט און אַ פירער.

ווען ר. ב. בענעט, דער געוועזענער פּרעמיער פון קאַנאַדע, האָט געוואָלט באַרויבן דעם אַרבעטער־קלאַס פון זיין פירערשאַפט, און טים באַק איז אַרעסטירט געוואָרן אין אויגוסט, 1931, אונטער סעקשאָן 98, איז גאַנץ דעלעיני קרעסענט, וואו טים וואוינט שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר, אויפגע־רודערט געוואָרן. די שכנים זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, געשאָלטן די פּאָליציי און מיט מענטשלעכער וואַרעמקייט זיך גענומען זאָרגן וועגן טים באַקס הויז. (די פאַמיליע באַק איז דאַן געווען אויסער שטאָט). איינער האָט גענומען ברענגען דאָס הויז צוריק אין אָרדענונג נאָך דעם איבערפאַל פון דער פּאָליציי. אַ צווייטער האָט זיך אונטערגענומען אַכטונג צו געבן אויף די טויבן, וואָס זיינען געבליבן ווי יתומים נאָך טים באַקס אַרעסט. אַן אַנדערער האָט גענומען איבערפאַרבן די קיך. „אַ פיינער מאַן" — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך — „אַ גוטער שכן".

ווען טים באַק איז אין 1934 באַפרייט געוואָרן פון דער קינגסטאָנער תפיסה, זיינען אים געקומען באַגעגענען טויזנטער מענטשן אין טאָראָנטאָ און אומעטום, וואו ער איז נאָר געקומען. דאָס אַרבעטער פאָלק, אויפגע־געציטערט פון פריידיק ביז טרערן, איז געגאַנגען באַגעגענען זיין פירער. אין דער געשיכטע פון דער קאַנאַדער אַרבעטער באַוועגונג

איז ניט פאַראַן נאָך איינער אַזאַ פירער, פאַר וועמען צענדליקער טויזנטער מענטשן — אַרבעטער, פאַרמער, פּראָפעסיאָנאַלן, אָנגעשטעלטע און אַנדערע — זאָלן אַרויסווייזן אַזוי פיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט און פאַר וועמען אַזוי פיל אַרבעטער זאָלן וועלן, ווען נויטיק, אַפילו זייער לעבן אַוועקגעבן.

און ווען פּאָליטיש־דענקענדיקע מענטשן פון אַלע קלאַסן ווילן קריגן אַ פאַרשטענדעניש וועגן דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג און אירע פּאָליסים, וועלכע זיינען זייער דערפאָלגרייך און אין דער פולער מאָס שוין אָנגעווענדט געוואָרן אויף אַ זעקסטל פון דער ערד און וועלכע זיינען איצט דער וועג־ווייזער פאַר מיליאָנען העראָאישע קעמפער פון דעם אייראָפּייאישן אַנטי־פאַשיסטישן פרייהייט־פראָנט; ווען טרעיד יוניאָן פירער, בורזשואַזע פּאָליטיקער, שטאַטסלייט און שאַפּ־אַרבעטער ווילן וויסן וואָס איז, וואָס דאַרף זיין, אָדער וואָס עס וועט מעגלעך ווערן די שטעלונג, די פּאָליסי פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג בכלל בנוגע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון קאַנאַדע, ווענדן זיי די אויפמערקזאַמקייט צו די דערקלערונגען פון דעם פירער פון די קאַנאַדער קאָמוניסטן, דעם קאַנאַדער מאַרקסיסט — טים באַק.

איצט איז טים באַק דער באַליבטסטער אַרבעטער־פירער אין קאַנאַדע, וואָס זיינע פערציק מיזאַמע יאָר אין דער אַרבעטער באַוועגונג האָבן אים באַוואוסט געמאַכט צו מאַסן אַרבעטער אין צענדליקער לענדער, ווי דעם וואָרט־זאָגער פון די קאַנאַדער אַרבעטנדיקע מענטשן.

ווי אַזוי איז טים באַק געקומען צו זיין איצטיקער שטופע פון אַן אַרבעטער און פאָלקס־פירער? פון וואַנען שטאַמט ער און וואו איז ער דערצויגן געוואָרן? ווי אַזוי האָט ער געלעבט און געקעמפט? איך וועל דאָ פּרובירן איבערגעבן אין קורצן דאָס לעבן און די טעטיקייטן פון טים באַק, זיין גרויסן בייטראָג צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג און צו די קאַמפן פאַר פרייהייט און אַ בעסער לעבן אין אונזער לאַנד.

די געשיכטע פון טים באַק איז די געשיכטע פון דער קאַנאַדער אַרבעטער באַוועגונג אין די לעצטע 30 יאָר. עס איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך אין אַ קורצער בראָשור צו באַהאַנדלען אויספירלעך אַזאַ וויכטיקן און גרויסן ענין. איך האָב בלויז אַרויסגענומען אייניקע פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דעם לעבן פון דעם גרויסן פריינט און טשעמפּיאָן פון אַלע אונטערדריקטע, ווי זיי זיינען צוזאַמענגעבונדן מיט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין דעם קאַנאַדער געזעלשאַפטלעכן לעבן. די פאַקטן אין דער בראָשור זיינען באַזירט אויף דער אינפאָרמאַציע, וואָס טים באַק האָט מיר איבערגעגעבן, באַזונדערס וועגן זיין יוגנט, און אויף מיינע אייגענע דערפאַרונגען אין מיין צוזאַמענאַרבעט מיט טים באַק און זיינע אינטימע חברים אין די לעצטע 23 יאָר.

:: :: ::

די קינדער־יאָרן

טים באַק איז געבאָרן געוואָרן אין דעם שטעטל בעקלס, איסט אַנגליע, דעם 6־טן יאַנואַר, 1891. עטלעכע דורות פון דער פאַמיליע באַק האָבן אין

דעם שטעטל געלעבט. טימס עלטערן האָבן געפּרואווט זיך דערנערן פון צוויי פּרנסות: פון אָנהאַלטן א קליינע אכסניה אויפן נאָמען פון דעם טייך וועיוועני, וואו דאָס שטעטל האָט זיך געפונען, און פון מאַכן זייף אויף א היימישן אופן. אייגנטלעך איז נאָך פון די עלטער־זיידעס איבערגעגעבן געוואָרן, אז דער נאָמען באַק שטאַמט פון דעם, וואָס די פאַמיליע האָט דורות־לאַנג זיך פאַרנומען מיט מאַכן זייף, ווייל דאָס וואָרט „באַק" האָט אין איסט־אַנגליא געמיינט קאַלך, וואָס די פאַמיליע האָט באַנוצט צו פּראָדוצירן זייף.

אָבער מיט יאָרן פריער, איידער טים איז געבאָרן געוואָרן, ריכטיקער — ווען טימס פאָטער איז נאָך געווען א אינגל, האָבן פּאַסירט צוויי זאַכן, וואָס האָבן באַווירקט און געענדערט דאָס לעבן פון דער באַק־פאַמיליע. 1. די זייף־אינדוסטריע האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן און מאָדערניזירן, און דאָס האָט גענומען אַרויסשטויסן די באַק־פאַמיליע פון דער אינדוסטריע און צונעמען איינע פון די פּרנסות. 2. איבער דעם טייך וועיוועני האָט מען אויפגעבויט א בריק און דורכגעפירט באַן־רעלסן. דאָס האָט אָפּגעשניטן דעם טייך־האַנדל און צעשטערט דעם צווייטן קוואַל פון פּרנסה—די אכסניה. אַט אַזוי איז טים געבאָרן געוואָרן אין א פאַמיליע, וואָס האָט געלעבט אין טיפער אָרעמקייט און זיך געוואונדערט וואָס מיט דער גרויסער וועלט איז געוואָרן.

צום סוף 1901, ווען טים איז נאָך קיין פולע 11 יאָר ניט אַלט געווען, האָט די פאַמיליע באַק ענדלעך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זייער דורות־לאַנגן געבורט־שטעטל, בעקלס, און אויספּרואוון זייער מזל אין א נייעם פּלאַץ — זיי האָבן זיך אַריבערגעפירט אין דער שטאָט לאָעסטאָפט. טימס פאָטער איז געוואָרן א טאָג־אַרבעטער, פאַרדינענדיק אַרום 60 סענט א טאָג. גאַנץ אָפט איז ניט געווען קיין פולע וואָך אַרבעט. ס'איז געווען אוממעגלעך צו שפּייזן א פאַמיליע פון זיבן קליינע קינדער. דאָס לעבן איז געווען שווער, זייער שווער.

דער 11־יאָריקער טים, דער איינציקער בכור אין דער פאַמיליע, האָט אוועקגעגעבן א סך צייט פון זיינע קינדער־טעג צו אויסזוכן און צונויפקלייבן שטיקלעך האָלץ צום הייצן, אויסגראָבן די טייערע „שעל־פיש" צום עסן, און אַמאָל, אַמאָל, באַ א גליקלעכער געלעגנהייט, פלעגט ער קריגן פון די פיש־הענדלער אין לאָעסטאָפט א בינטל פישלעך, וואָס האָט אַריינגעבראַכט יום־טוב אין דער פאַמיליע, אז די קינדער זאָלן קענען אַמאָל אָפּעסן צו זאַט.

טים באַק ווערט אַן אַרבעטער

אין סעפּטעמבער, 1903, ווען ער איז נאָך קיין פולע 12 יאָר ניט אַלט געווען, איז טים אוועק אַרבעטן אין א קליינעם שאַפּ, וואו מען האָט פּראָדוצירט און פאַרריכט מאַשינען פאַר זעג־מילן. אָבער אַכט חדשים שפּעטער האָט זיך דער שאַפּ צוגעמאַכט און טים איז אוועק אַרבעטן אין א „דעירי". די אַכט חדשים אַרבעט אין דעם מאַשין־שאַפּ, וואו ער האָט געהאָלפן פיילן שטיקער אייזן און אויסהאַקן אין זיי זייער שלעכטע לעבער, האָט אויפגערייצט די פאַנטאַזיע באַ דעם יונגן אינגל, א ליבשאַפט צו

מאשינען. און ארבעטנדיק אין דער „דעירי" האָט טים, שוין דאַן באַלד 13 יאָר אַלט, אָפּגעמאַכט באַ זיך צו ווערן אַן „אינדזשיניר". אַרבעטן אין דער דעירי האָט פאַר טימען קיין זין ניט געהאַט, און ער האָט באַלד אַריינגעגעבן אַן אַפּליקאַציע אין דער גרויסער „אדריאַן אייזן־פאַבריק" פון לאָעסטאָפט.

עס האָט גענומען עטלעכע חדשים ביז טים איז אָנגענומען געוואָרן אין דער גרויסער פאַבריק אַלס אַ העלפער. דאָס ביסל „דערפאַרונג", וואָס טים האָט געקראָגן אין דעם מאַשין־שאַפּ מיט צוויי יאָר פריער, איז אים גוט צונוץ געקומען. טים איז געווען פון די גליקלעכע — ער האָט געקראָגן שכירות — 40 סענט אַ וואָך פאַר דעם ערשטן יאָר צייט. אַנדערע העלפער האָבן נאָך געדאַרפט צוצאָלן פאַר דער מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך אַ פאַך.

איצט איז דאָס לעבן ווירקלעך געוואָרן שווער פאַר דעם יונגן טים. 40 סענט אַ וואָך האָט טאַקע קיין סך ניט צוגעגעבן צו דעם איינקונפט פון דער פאַמיליע, אָבער טים האָט פאַר דעם „געהאַלט" געדאַרפט זייער שווער האָרעווען. טים פלעגט דאַרפן אויפשטיין 5 אַזייגער פאַרטאָג, גיין צופוס דריי מייל צו דער פאַבריק, אָנהויבן אַרבעטן 6 אינדערפרי, זיין באַ דער אַרבעט ביז 5.30 פאַרנאַכט און אַהיימקומען צופוס אַ הונגעריקער און אויסגעמאַטערטער. צוויי אָוונטן אַ וואָך פלעגט טים אַהיימקומען נאָך שפּעטער, ווייל דאַן פלעגט ער מאַכן זיינע רעגולערע וויזיטן אויפן פיש־מאַרק צו קריגן די טייערע פישלעך פאַר אַ זאַטן מאָלצייט.

צו יענער צייט, אין 1905, האָט דער פאַמיליע באַק געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. דער פאָטער איז קראַנק געוואָרן און גאַנצע דריי חדשים ניט געקענט אַרבעטן. זייער אָפט האָט די מאַמע ניט געהאַט אפילו דאָס ביסל מאַרגאַרין צו באַשמירן דאָס שטיקל ברויט פאַר טימס מאָלצייט אין שאַפּ. דער בעסטער מאָלצייט פאַר טימען איז דאַן געווען אַ קאַלט געפּרעגלט פישל, איינס פון די פישלעך, וואָס ער אַליין פלעגט קריגן פון זיינע פריינט אויפן פיש־מאַרק. טים דערציילט, ווי אַזוי אינעם פרילינג און אין די ערשטע חדשים פון זומער איז דער איינציקער מאַכל זיינער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט געווען אַביסל געקאָכטע רובאַרב מיט ברוינעם צוקער. ווינטער־צייט, ווען קיין פיש איז ניט געווען, איז זיין באַליבטער מאַכל געווען פאָרידזש.

דער 14־יאָריקער טים און די אַנדערע פון דער פאַמיליע האָבן גאָר דאַן ניט געטראַכט, אַז אַזאַ בידנע לעבן איז ניט יושר'דיק. מסתמא דאַרף עס אַזוי זיין, האָבן זיי געטראַכט. און ווען אין הויז פלעגט מען זיך אַמאָל באַקלאָגן, אַז עס פעלן אויס זאַכן, פלעגט די מאַמע פאַרזיכערן, אַז „אַזוי איז גאָטס ווילן. מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אויף אים און ער וועט אונז באַזאָרגן". אייגנטלעך, וואָס האָבן זיי זיך גאָר געהאַט צו באַקלאָגן? אַלע שכנים אַרום זיינען געווען אָרעם, אַלע אַרום האָבן געהונגערט. טימס עלטערן האָבן געטראַכט בלויז פון איין זאַך: ווי אַזוי אָפּצוהיטן זייער מענטשלעכע ווירדע און פאַרדעקן זייער אָרעמקייט פאַר דער אויסערלעכער וועלט, אַז אפילו די שכנים זאָלן ניט באַמערקן.

ווערט אַ מיטגליד אין דער יוניאָן

אינעם עלטער פון 15 יאָר איז טים אריינגעטראָטן אין דער יוניאָן — אַמאַלגאַמעיטעד סאָסייעטי אָוו אינדזשינירס — ווי אַן אַפּרענטיס־מיטגליד. צו יענער צייט האָט טים שוין פאַרדינט 5 שילינגס ($1.25) אַ וואָך. כמעט די ערשטע דערפאַרונג וואָס טים געדענקט וועגן זיין אריינטרעטן אין דער יוניאָן איז אַ מיטינג אין דער שטאָט נאַרוויק, ניט ווייט פון לאַנקאַשיר, באַ וועלכן עס האָט גערעדט דער באַרימטער אַרבעטער־פירער קיר האַרדי. צום ערשטן מאָל אין זיין יונג אָבער שווער לעבן האָט טים דערהערט אַ דערקלערונג וועגן אַ שפּאַגל־נייעם געדאַנק (פאַר אים), אַז אָרעמקייט און הונגער זיינען דער פּועל־יוצא פון עקספּלואַטאַציע און סאָציאַלן אומרעכט. נאָכמער, ער איז אָרויפגעפירט געוואָרן אויפן געדאַנק, אַז אָרעמקייט און נויט קען מען אָפּשאַפן, ווען נאָר די קרבנות פון דער אָרעמקייט זאָלן אליין אויפנעמען די אויפגאַבע פון איר אָפּשאַפונג.

טים דערציילט, ווי אַזוי קיר האַרדי האָט באַ יענעם מיטינג אויפגעוויזן, אַז די גרויסע רייכטימער פון ענגלאַנד און די פּראָדוקטיווקייט פון אירע אינדוסטריעס איז גענוג צו קענען באַזאָרגן יעדע פאַמיליע מיט שפּייז צו זאַט, מיט אָנשטענדיקע קליידער און גוטע וואוינונגען. צו אילוסטרירן עס האָט קיר האַרדי אָנגעוויזן אויף דעם פּאָליציימאַן, וואָס איז געווען באַם מיטינג, און דערביי אויסגערופן: „אויב די געזעלשאַפט קען אַזוי גוט באַקליידן איר פּאָליציי, דאַרף זי זיין אימשטאַנד צו באַקליידן די מענטשן, וואָס שטעלן צו די מיטלען צו באַקליידן די פּאָליציי. אַ געזעלשאַפט, וואָס קען זיך פאַרגינען צו צאָלן גענוג שכירות דעם פּאָליציימאַן, דאַרף אויך קענען באַזאָרגן כאָטש מיט אַ גלייכן איינקונפט יעדן איינעם וואָס אַרבעט״. באַ דעם פּונקט האָט אַן אַרבעטער איבערגעריסן האַרדין מיט אַ פראַגע: ״און וואו וועט מען נעמען דאָס געלט?״ אויף דעם האָט אים האַרדי בליץ־שנעל געענטפערט: „פון וואַנען קומט דאָס געלט פאַר די רייכע „רעיס־טרעקס״ און פאַר שפּילן אין פערדלעך?״

עס האָט גענומען דעם יונגן טים עטלעכע וואָכן צייט צו דורכטראַכטן די אַלע נייע געדאַנקען, וואָס קיר האַרדי האָט אַרויסגעבראַכט. אָבער פון יענעם ענטפער וועגן די פערדלעך האָט טים באַגריפן, אַז „דער ספּאָרט פון די קעניגן״ ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער פּראַצע פון מיליאָנען. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ גאַנץ נייעם און אויפרייצנדיקן באַגריף וועגן דער באַדייטונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג און וועגן דער ראָל פון יעדן מיטגליד אירן.

טרעט אַריין אין די אַרבעטער־קאַמפן

דורך די יאָרן פון זיין פריער יוגנט האָט טים גענומען אַ שטאַרקן אינטערעס אין פאַרשיידענע מינים ספּאָרט־אַקטיוויטעטן, ווי פוטבאָל, שווימען, שיפלען, א. ד. ג. פון 16 ביז 19 יאָר איז טים געווען קעפּטן פון דעם זשוניאָר פוטבאָל טים אין זיין שטאָט. אָבער נאָך דער ערשטער פּאָליטישער לעקציע, וואָס ער האָט געקראָגן באַ דעם מיטינג מיט קיר האַרדי

און די נייע געדאנקען וואָס האָבן זיך אים איינגעקריצט אין זיין מוח און אים קיין רו ניט געגעבן, האָט זיך טים גענומען ערנסט אינטערעסירן מיט סאָציאַלע פראגן. אונטער דער ליטונג פון א „קריסטלעכן סאָציאַליסט", בא וועמענס זייט ער האָט געארבעט אין דער פאבריק, האָט טים געלערנט די געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין ענגלאַנד, באַזונדערס די דעמאָלטדיקע אַקציעס צו פאַרזיכערן זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער־פאַרטרע־טערשאַפט אין די רעגירנדיקע קערפערשאַפטן פון לאַנד. טים האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דעם קאַמף פון די טרעיד יוניאָניסטן פאַר די רעכט פון די טרעיד יוניאָנס צו מאַכן די פּאָליטישע פאַרטיי פון די ארבעטער פאַר אָן אינטעגראַלן טייל פון דער גאַנצער ארבעטער באַוועגונג. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן צו צעשטערן דעם ציל פון דעם „אָסבאָרן אורטייל*).

דער הויפּט־מיטל, מיט וועלכן די ענגלישע טרעיד יוניאָנס האָבן צעשטערט דעם ציל פון דעם „אָסבאָרן אורטייל" איז געווען די „פרייוויליקע לעווי" (שטייער). מען האָט באַווירקט אינדיווידועלע מיטגלידער פון די טרעיד יוניאָנס צו אונטערשרייבן א קאַרטל מיט א באַפולמעכטיקונג צו דעם סעקרעטאַר פון דער יוניאָן ארונטערצונעמען א באַשטימטע סומע א חודש פון דעם מיטגלידס שכירות, ווי א פרייוויליקע ביישטייערונג צו דעם פאָנד צו דערוויילן און אויפהאַלטן אַרבעטער־פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט.

אינעם גאַנג פון דעם לעבעדיקן און סיסטעמאַטישן קאַמף פאַר דעם „פרייוויליקן שטייער" זיינען צענדליקער טויזנטער טרעיד יוניאָן מיטגלידער געוואָרן באַוואוסטזיניק וועגן דער פולער פּאָליטישער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן קאַמף. די אַלגעמיינע שטופּע פון דעם ארבעטער־קאַמף פאַר אומאָפּ־הענגיקער פּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע איז געוואַלדיק געשטיגן. טים באַק האָט זיך דאַן דערוואוסט וועגן דער שטורמישער פערזענלעכקייט אין דער פירערשאַפט פון דער ענגלישער ארבעטער באַוועגונג — טאָם מאַן, און זיינע טעאָריעס וועגן „אינדוסטריעלן יוניאָניזם". שפּעטער־צו האָט טים באַק געשאַפן פערזענלעכע פריינטשאַפט מיט טאָם מאַן, און די פריינטשאַפט איז געוואַקסן און האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון טאָם מאַנ'ס לעבן. זיי האָבן געהאַט אַנטוויקלט א וואַרעמע קאָרעספּאָנדענץ, און אין 1941, אַ 6 וואָכן פאַר מאַנס טויט, האָט ער געשריבן זיין לעצטן בריוו פון ענגלאַנד צו זיין נאָענטן פריינט טים באַק אין קאַנאַדע.

קומט אָן אין קאַנאַדע

צו 19 יאָר, אַזוי שנעל ווי טים האָט געענדיקט זיינע לערן־יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן שפּאָרן געלט אויף אַ שיפסקאַרטע קיין אמעריקע (קאַנאַדע). אין מאַי, 1910, איז טים באַק אָנגעקומען אין טאָראָנטאָ. ער האָט געקראָגן

*) דער „אסבארן אורטייל" איז ארויסגעגעבן געווארן פון טשיף דזשאסטיס אסבארן צוגונסטן א לאָקאמאטיוו אינדזשענער קעגן די רעכט פון דער נאַציאָנאַלער באַן־אַרבעטער יוניאַן ארויפצולייגן אַ שטייער פאר דער אויפהאלטונג פון ארבעטער־פארשטייער אין פּארלאמענט. צו יענער צייט האבן פּארלאמענט־מיטגלידער ניט געקראגן קיין געהאלט פון דער רעגירונג. ארבעטער־פארשטייער האבן געדארפט אויסגעהאלטן ווערן פון דער אַרבעטער באַוועגונג גופא.

א דזשאָב אין דער „אַמעריקען אַבעל וואָרקס" — אַ מאַשין־פאַבריק אויף קווין סטריט, וועסט — און האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרגעזעצט זיין מיטגלי־דערשאַפט אין דער יוניאָן, די אַמאַלגאַמעיטעד סאָסייעטי אָוו אינדזשינירס. כדי גוטצומאַכן זיין מאַנגל אין בילדונג, וואָס ער האָט אין זיין פריער יוגנט ניט געקענט קריגן, האָט טים באַזוכט אַן אָוונט־שול דריי מאָל אַ וואָך, אין דעם סענטראַל טעכניקאַל (וואו עס איז איצט די הויפּט־קוואַרטיר פון דער טאָראָנטער פּאָליציי אויף קאַלעדזש סטריט). ווען טים האָט מיר דאָס דער־ציילט, האָט ער אַ ברייטן שמייכל געטאָן, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געלערנט מעכאַנישע צייכענונגען אין דעם זעלבן צימער, אין וועלכן ער האָט מיט יאָרן שפּעטער געדאַרפט זיך מעלדן רעגולער צו דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר טשיזהאָלם.

איינע פון זיינע ערשטע טעטיקייטן אין דער קאַנאַדער טרעיד יוניאָן באַוועגונג איז געווען צו באַטייליקן זיך אין דעם קאָמיטעט, וואָס האָט געגרינדעט די וועכנטלעכע צייטונג „דהי אינדאָסטריעל בענער", (די אינ־דוסטריעלע פאָן) אונטער דער רעדאַקציע פון דעם פאַרשטאָרבענעם דזשימי סימפּסאָן. אין יענע טעג האָט די טאָראָנטער אַרבעטערשאַפט אָנגעהויבן ערנסט שטרעבן צו געווינען פאָרשטייערשאַפט אין דער שטאָטישער רעגירונג. צוויי פון די פּראָמינענטע שטאָטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון יענער צייט, א. לינדעלאַ און דזשימי סימפּסאָן, זיינען געווען קאַנדידאַטן פאַר מעיאָר און פאַר באָארד אָוו קאָנטראָל. סימפּסאָן איז צום ערשטן מאָל דערוויילט געוואָרן צו דער באָארד אָוו קאָנטראָל. ס'איז געקומען אַן אַלגעמיינער אויפ־שוואונג פון אַרבעטער־אַקטיוויטעט און אַ מערקבאַרער וואוקס אין איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין יענער צייט. אָבער דער דאָזיקער וואוקס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פּאַראַלעל מיט דעם אָנגעקומענעם עקאָנאָמישן קריזיס אינעם זומער פון 1913. באַדינגונגען זיינען געוואָרן כסדר ערגער. אַרבעטער־טעטיקייט האָט גענומען פאַלן ביז אַ שטיק צייט נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה פון 1914.

פון שפּעטן האַרבסט 1912 ביז שפּעטן האַרבסט 1919 האָט טים באַק געאַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — אַלעמאָל בא זיין פאַך אַלס אַ מאַשיניסט, זוכנדיק כסדר צו באַרייכערן זיין וויסן, סיי וועגן זיין פאַך, סיי וועגן די סאָציאַלע געשעענישן אין די צוויי לענדער. אין אַפּריל 1915 האָט טים חתונה געהאַט מיט עלים עירס, מיט וועלכער ער איז געווען באַפריינדעט אין זיינע יוגנט־יאָרן אין לאָעסטאָפט. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף לענאָקס סטריט, קעגן דעם פּלאַץ וואו עס געפינט זיך איצט די סענטראַל טעכניקאַל היי־סקול, אין טאָראָנטאָ.

טים בויט מאַשיניסטן־יוניאָן, העלפט גרינדן די לעיבאָר פּאַרטיי

צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע פּראָגרעסיווע אַרבעטער פון זיין פאַך האָט טים באַק געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל אין דער אָנגעשטרענגטער אָרגאַ־ניזיר־אַרבעט, וואָס האָט אויפגעבויט די „אינטערנעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן

אוו מאשיניסטס", צו אַ פּאָזיציע פון פירערשאַפט אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג פון יענער צייט אין אָנטעריאָ. ווי דער שאַפּ־טשערמאַן אין פאַרשיידענע פאַבריקן אין דרום־אָנטעריאָ, וואו ער האָט געאַרבעט, אין דער פירערשאַפט פון אַ צאָל סטרייקס, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די שטופּע פון שכירות אין דער גאַנצער אינדוסטריע, האָט טים באַק זיך אויך באַטייליקט אין דער פאָרמירונג פון דער אָנטעריאָ לעיבאָר פּאַרטיי (אין דעם איסטער וויק־ענד פון 1917). דאָס איז געווען די ערשטע גרעסערע באַוועגונג פאַר דער איינשטעלונג פון אַ פעדעראַטיווער לעיבאָר פּאַרטיי, לויט דעם זעלבן געבוי ווי די לעיבאָר פּאַרטיי אין ענגלאַנד. די אָנטעריאָ לעיבאָר פּאַרטיי, אָדער מער ספּעציפיש, די פּראָגרעשריטנסטע טרעיד יוניאָן מיטגלידער וועלכע האָבן זי געפירט, זיינען געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין דער דערוויילונג פון 11 אַרבעטער־קאַנדידאַטן אין די פּראָווינציעלע וואַלן פון 1919 און אין דער פאָרמירונג פון דער דריורי פּאַרמער־לעיבאָר קאָאַליציע־רעגירונג אין דער פּראָווינץ.

אָבער דער נאָך־מלחמה'דיקער קריזיס האָט ארומגעכאַפּט קאַנאַדע איידער די אָנטעריאָ לעיבאָר פּאַרטיי האָט זיך באַפעסטיקט. די פּאַרטיי האָט שנעל גענומען גיין באַרג־אַראָפּ. די ארבעטער־באַוועגונג האָט גענומען זוכן אַנדערע קאַנאַלן דורך וועלכע אויסצודריקן איר שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער אקציע. דאַן האָבן די פּראָגרעסיווע און פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע טרעיד יוניאָניסטן פון טאָראָנטאָ איינגעשטעלט די „לעיבאָר רעפּרעזענטעישאָן קאָמיטע", וועלכע איז געוואָרן דער באַזיס פאַר דער שפּעטערדיקער אָרגאַניזירונג (אין 1923) פון דער קאַנאַדער לעיבאָר פּאַרטיי. די דאָזיקע פּאַרטיי איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דעם זעלבן פעדעראַטיוון באַזיס ווי די ענגלישע לעיבאָר פּאַרטיי, מיט אקטיווע פּראָווינציעלע סעקציעס אין בריטיש קאָלומביע, אַלבערטאַ, אָנטעריאָ און נאָווא סקאָשיע. די קאַנאַדער לעיבאָר פּאַרטיי האָט געמאַכט כסדר'דיקן פּאָרשריט ביז 1927, ווען זי איז צעבראָכן געוואָרן דורך די דיקטאַטאָריש־ביוראָקראַטישע באַשלוסן און האַנד־לונגען מצד דער פירערשאַפט פון אַ צאָל דאָמינירנדיקע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס.

פאַרבינדט זיך
מיט וויליאַם ז. פאָסטער

דורך דעם יאָר 1918 האָט טים באַק זיך פאַרבונדן מיט דער גרופּע פּראָגרעסיווע טרעיד יוניאָניסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, וועמענס אַלגעמיינער פּראָפּאַגאַנדע־צענטער איז געווען אין שיקאַגאָ און וועמענס הויפּט־פירער איז געווען וויליאַם ז. פאָסטער. די דאָזיקע באַוועגונג איז ניט געווען קיין פּאַרטיי און ניט אפילו אַן אָרגאַניזאַציע אין דעם אָנגענומענעם זין. עס איז געווען אַ לויזע פאַראייניקונג פון לינקע טרעיד יוניאָניסטן, וועמען עס האָבן פאַראייניקט צוויי איבערצייגונגען: 1. אַז סיי די אינדוסטריעלע באַדינגונגען, סיי די עלעמענטאַרע נויטן פון די אַרבעטער האָבן געפאָדערט, אַז צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון אינדוסט־

ריעלן יוניאָניזם זאָל גיין די באַקרעפטיקונג פון מער מיליטאַנטישע פּאָליסים אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג. 2. אַז די דאָזיקע מיליטאַנטישע פּאָליסים וועלן מעגלעך קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן, אויב עס זאָל אָנהאַלטן די טענדענץ וואָס איז דאַן אין אַמעריקע געוואָרן אַ טראַדיציע צווישן די ראַדיקאַלע טרעיד יוניאָניסטן פון יענער צייט צו באַמיען זיך איינצושטעלן אייגענע „אידעאַלע" יוניאָנס — דואַל־יוניאָנס.

די דאָזיקע גרופּירונג פון לינקע טרעיד יוניאָניסטן, אונטער דער פירערשאַפט פון וו. ז. פאָסטער אין די שטאַטן און טים באַק אין קאַנאַדע, איז געווען באַוואוסט פאַרשיידנאַרטיק און אין פאַרשיידענע צייטן אַלס די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג, די טרעיד יוניאָן ליג, שפּעטער־צו — די טרעיד יוניאָן עדיוקעישאַנאַל ליג און צולעצט די טרעיד יוניאָן יוניטי ליג. אונטער דער פירערשאַפט פון טים באַק האָט די דאָזיקע באַוועגונג געשפּילט די הויפּט־ראָל אין איינפלאַנצן אין די מוחות פון די קאַנאַדער אַרבעטער דעם געדאַנק פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם.

די יאָרן 1918, 1919, און די פריע 20־קער זיינען געווען יאָרן פון אָנגעשטרענגטער טעטיקייט מצד די לינקע גרופּן פון דער אַרבעטער באַוועגונג. אין 1918 האָט וויליאַם ז. פאָסטער, מיט וועמען טים באַק איז געווען ענג פאַרבונדן, געקראָגן די גוטהייסונג פון דער דעמאָלטדיקער קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר, באַ וועלכער פאָסטער האָט פאַר־טראָטן די שיקאַגער אַרבעטער פעדעראַציע, צו אונטערנעמען די אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער אין דער מעכטיקער שטאָל־אינדוסטריע. די דאָזיקע באַמת־היסטאָרישע אָרגאַניזיר־קאַמפּאַניע, וואָס פאָסטער האָט געפירט, איז געווען די פרוכט פון די אַקטיוויטעטן, וואָס די לינקע גרופּן אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג האָבן דאַן געהאַט אַנטוויקלט.

אין פירערשאַפט
פון אַמעריקאַנער באַן־אַרבעטער

אין יענער צייט האָט טים באַק זיך געפונען אין די שטאַטן. קאָאָפּע־רירנדיק מיט דער שיקאַגער גרופּע האָט טים באַק געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין דער גרויסער באַוועגונג פון די באַן־אַרבעטער פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און העכערע שכירות. אַרבעטנדיק אין די שעפּער פון דער „אַטלאַנטיק קאָוסטלאַין רעילראָוד" אין נאָרט־קאַראָליינאַ, איז טים באַק געוואָרן דער פירער פון די שאָפּ־אַרבעטער אין דעם דרום־מזרח טייל פון די שטאַטן. די קאַמפּאַניע פון דער באַוועגונג, וואָס טים באַק האָט דאַן געפירט, האָט קאָמבינירט אָרגאַניזיר־אַרבעט צו פאַרשטאַרקן די יוניאָנס מיט אָנגעשטרענגטער אַגיטאַציע לטובת העכערן די שכירות פון די באַן־אַרבעטער צו דער זעלבער שטופע וואָס אין אַנדערע אינדוסטריעס. די באַוועגונג האָט געפירט צו סטרייקס אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, איינשליסנדיק די דרום־שטאַטן. ענדלעך זיינען די הויפּט־צילן פון דער דאָזיקער באַוועגונג דערגרייכט געוואָרן. אַרום אָקטאָבער, 1919, זיינען די שכירות פון די באַן־אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

געהערט געוואָרן צו דער שטופּע פון די אַלגעמיינע הערשנדיקע שכירות פון יענער צייט.

אָבער איידער די דאָזיקע העכערונג אין שכירות פאַר די באַן־אַרבעטער איז געוואונען געוואָרן, איז טים באַק שוין געווען צוריק אין קאַנאַדע. די אומשטענדן, וואָס האָבן געצוואונגען טים באַקן אומצוקערן זיך אין קאַנאַדע אילוסטרירן די לאַגע וואָס האָט געהערשט אין יענע טעג. בעת עס האָט שוין געהאַלטן באַם סוף פון דעם באַן־סטרייק אין די דרום־מזרח שטאַטן, איז געלונגען אַ גרופּע אַנטי־אַרבעטער עלעמענטן, וואָס זיינען געווען דורכגענומען פון דער קו־קלוקס קלען אידעאָלאָגיע צו צעבלאָזן אַ לינטש־גייסט קעגן טים באַק. צווישן די סטרייקער האָט זיך געפונען אַ גאָר גרויסע צאָל נעגער־אַרבעטער. טים באַק האָט זיך באַמיט צו געבן די נעגער־אַרבעטער גלייכן סטאַטוס אין דער אָנפירונג פון דעם סטרייק און גלייכע רעכט אין דער פאַרטיילונג פון הילף צו די סטרייקער. די שאָוויניסטישע אַנטי־אַרבעטער עלעמענטן האָבן אויף אַ דעמאַגאָגישן אופן געפעלשט טים באַקס באַמיאונגען און זיי פאָרגעשטעלט ווי אַ פאַרזוך צו שאַפן אַ לאַגע, אַז „ניגערס" זאָלן פאַרבייטן „ווייסע". אויפן גרונט פון אַזאַ בלבול, וואָס זיי אַליין האָבן צוגעטראַכט, האָבן די קו־קלוקסער געמאַכט פאַרזוכן צו כאַפן טימען און דורכפירן איבער אים אַ „לינטשינג פּאַרטי". די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ווי אין אַ גוטן אויסרייד צו צווינגען טימען צו פאַרלאָזן די שטאַטן — פרייוויליק אָדער דורך דעפּאָרטאַציע. טים, עלים און זייער זון ראָני האָבן זיך דאַן פרייוויליק אומגעקערט קיין טאָראָנטאָ.

נעמט זיך אָרגאַניזירן לינקע אַרבעטער־פּאַרטיי

אין 1919, אין דעם סאַמע ברען פון דער קאַמפּאַניע פאַר אַ נייעם אַגרימענט אין דער באַן־אינדוסטריע, האָט טים באַק געקראָגן צו וויסן, אַז עס ווערט פּלאַנירט די גרינדונג פון אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע. דער צוזאַמענפאָר, וואו די פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ דעם 4־טן יולי, 1919. טים באַק, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דערוויילט געוואָרן דורך דער לינקער גרופּע אַרבעטער אין נאָרט־קאַראָליינאַ צו זיין זייער דעלעגאַט באַ דעם צוזאַמענפאָר. אָבער דער סטרייק פון די באַן־אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט פיר טעג פריער, דעם 1־טן יולי, און עס איז ניט געווען מעגלעך פאַר טים באַקן צו פאַרלאָזן נאָרט־קאַראָליינאַ. ער איז אָבער געהאַלטן געוואָרן אינפאָרמירט וועגן די אַנטוויקלונגען, און אַזוי שנעל ווי ער איז צוריקגעקומען אין קאַנאַדע, געקראָגן אַ דזשאַב אין טאָראָנטאָ און זיך צוריק איינגעשטעלט, האָט ער גענומען אונטערזוכן די לאַגע צווישן די לינקע קרייזן אין טאָראָנטאָ בנוגע די מעגלעכקייטן פון איינשטעלן אויך אין קאַנאַדע אַן אַרבעטער פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף דער לערע פון לענינען. פאַרשטייט זיך, אַז די סאָוועטישע רעוואָלוציע און די איינשטעלונג פון אַן אַרבעטער־מלוכה אויף אַ זעקסטל פון דער וועלט האָט באַווירקט די אַרבעטער באַוועגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און

קאַנאַדע און האָט געדינט ווי אַ סטימול פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ לינקער פּאָליטישער אַרבעטער פּאַרטיי.

פון אָנהויב איז די אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַזאַ פּאַרטיי געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. אַ פריערדיקער פּאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַזאַ באַוועגונג איז שוין געווען אומגעגאַנגען. די לינקע זיינען געווען צעטיילט און זיך געאַמפּערט צוליב דעם, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון די אַמעריקאַן פעדערעי־שאָן אָוו לעיבאָר יוניאָנס און האָבן געפּרואווט בויען די „וואָן ביג יוניאָן" (אָ. בי. יו.). אַרבעטער, וואָס זיינען מיט אַ יאָר צוריק געווען פּאַראייניקט אין דער פּראַגע פון שטיצן מיליטאַנטישע פּאָליסים אינערהאַלב דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, זיינען איצט געווען בוכשטעבלעך אויף „מעסער־שטעך" איינער קעגן אַנדערן. די אישו איז געווען — אָ. בי. יו. אָדער אַ. פ. אָוו ל. אַלס צוגאָב צו דער צעשפּליטערונג אין די אַרבעטער רייען האָבן נאָך די באַלעבאַטים אָנגעהויבן זייער גרויסע אָפּן־שאַפּ קאַמפּאַניע. אַ צאָל ווּיכטיקע סטרייקס, ווי צום ביישפּיל, דער מעטאַל־אַרבעטער סטרייק אין טאָראָנטאָ, דער גענעראַל־סטרייק אין וויניפּעג, די סטרייקס פון די וואַלד־אַרבעטער אין מערב־אָנטעריאָ און בריטיש קאָלומביאַ און דער קוילן־גרעבער סטרייק אין אַלבערטאַ — זיינען אַלע באַזיגט געוואָרן, הויפּטזאַכלעך אַלס רעזולטאַט פון דער אויבן־דערמאָנטער צעטיילונג אין די אַרבעטער־רייען.

עס איז געווען אַ ווידערשפּרעכלעכע לאַגע. דזשאַבס זיינען געווען גענוג. אַרבעטער זיינען געווען קעמפּעריש. אָבער די צעטיילונג אין זייערע אייגענע רייען, צוגלייך מיט דער סיסטעמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די באַלעבאַטים צו אַנטאַגאָניזירן די צוריקגעקומענע סאָלדאַטן קעגן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, האָט פיל געשעדיקט די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז געווען אומגעפער לייכט פאַר טים באַק צו איבערצייגן די לינקע אַרבעטער וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַן עכטער אַרבעטער פּאָליטישער פּאַרטיי. עס איז אָבער געווען עקסטרעם שווער צו מאַכן דעם אָנהויב. און ניט פריער ווי אין 1920 איז די אָרגאַניזירונג פון אַזאַ אַרבעטער פּאַרטיי ווירקלעך אַוועק אַ גאַנג.

נאָדל־פאַך אַרבעטער האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל

דערביי דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז די נאָדל־פאַך יוניאָנס פון יענער צייט האָבן געשפּילט אַ זייער וויכטיקע דינאַמישע ראָל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, און די איניציאַטיווע פאַר דער גרינדונג פון פּאַרטיי־צווייגן איז געקומען פון אַרבעטער אין די נאָדל־פאַכן, באַזונדערס פון טאָראָנטאָ. עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז אַ סך פון די חברים, וועלכע האָבן גענומען די איניציאַטיווע אין יענע טעג, קעמפן נאָך אַלץ אין די פאָדערשטע רייען פון דער אַרבעטער באַוועגונג. צום ביישפּיל — מאַיק און בעקי ביוהיי, עני בולער, אַלעק גולד, אין מאָנטרעאַל, אַלמאַזאָוו, טעמקין, דזשאַן קאָלאָדי, בעלפור, באָיטשוק, חיים קרוגער, סאָרין, דער פאַרשטאָרבענער לואי גודים (צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון די נאָדל־פאַך אַרבעטער); ביל קיף, פון די

סטריט־קאַר אַנגעשטעלטע, ענדי בראַון, אַ מאַשיניסט און מיטאַרבעטער פון טים באַק (ער איז שוין איצט ניטאָ צווישן די לעבעדיקע), מאַרטין קעטשעסאַן, הערי רעגעט, וואַלטער סוויפט, טרעוואָר מעקוואַיר, ניסנעוויטש; די פּאַרקין ברידער פון ברענדאַן און דזשאַן נעיווים און דזשייק פּענער פון וויניםפּעג; ביל בענעט פון וואַנקואַווער, דזשאָו וואָלאַס פון האַליפאַקס, דזשים מעקלאַקלען פון קעיפּ ברעטאַן אינזל, און ראָסקאָו פילמאָר פון אַנאַפּאָלים וועלי אין נאָווא סקאָשיע, דזשעק לעיקמאַן פון אַלבערטאַ, טאָם היל פון מערב־אָנטעריאָ און הערי ברייען, צו יענער צייט דער מערב־אָנטעריער אָרגאַנייזער פון דער וואַלד־אַרבעטער יוניאַן און איצט — צו 82 יאָר — די באַגייסטערונג פון דער לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי־באַוועגונג אין צפון־מערב אָנטעריאָ. צוזאַמען און אין דער פירערשאַפט פון אָט די אַרבעטער־טוער פון יענער צייט האָט טים באַק אָנגעהויבן די ערשטע וויכטיקע שריט צו בויען אַן אַרבעטער פּאַרטיי.

עס ווערט געגרינדעט די וואָרקערס פּאַרטיי

דעם וויכטיקסטן שריט פאָראויס אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזירונג פון דעם קאַנאַדער אַרבעטער קלאַס האָט די אַרבעטער באַוועגונג פאַרצייכנט מיט דער גרינדונג פון דער „וואָרקערס פּאַרטי אָוו קענעדע", אין פעברואַר 1922, בײַ דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין טאָראָנטאָ. צוגלייך מיט דער איינשטעלונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן דער „וואָרקער" — די ערשטע נאַציאָנאַלע אַרבעטער צייטונג, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. אונטערן איינפלוס פון אַזעלכע פירנדיקע טרעיד יוניאָניסטן ווי טים באַק האָט די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי געלייגט דעם טראָפּ אויף דריי הויפּט־אויפגאַבן פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג פון יענער צייט; 1. די נויטוועגדיקייט צו אויפבויען די טרעיד יוניאָן באַוועגונג און צו פאַראייניקן די טרעיד יוניאָנס אין איין נאַציאָנאַלן צענטער. 2. די נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן די אַנטוויקלונג פון אומאָפּהענגיקער אַרבעטער פּאָליטישער אַקציע, און— 3. די נויטווענדיקייט צו בויען אַ באַוואוסטזיניקע קאַמף־שותפות צווישן דער אַרבעטער באַוועגונג, די פּראָגרעסיווע פאַרמער און דעם שטאָטישן מיטל־קלאַס.

אונטער דער דירעקטער ווירקונג און פירערשאַפט פון טים באַק האָט די וואָרקערס פּאַרטיי געשפּילט אַ קאָנסטרוקטיווע ראָל אין די ברוייזנדיקע 1920־ער יאָרן. זי האָט געפירט דעם קאַמף פאַר אַריינגעמען די לינקע אין די איינגעשטעלטע טרעיד יוניאָנס. זי האָט געפירט די באַוועגונג צו אויפבויען די קאַנאַדער לעיבאָר פּאַרטיי אויף דעם זעלבן פעדעראַטיוון באַזיס ווי די ענגלישע לעיבאָר פּאַרטיי.

ווען דער נאָמען פון דער פּאַרטיי איז געביטן געוואָרן אויף „קאָמוניסטישע פּאַרטיי" (אין 1924) איז זי שוין געווען אַן איינגעפונדעוועטער פּאָליטישער כוח אין לאַנד מיט אַקטיווע פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס אין יעדער פּראָווינץ (מיט דער איינציקער אויסנאַם פון פּרינץ עדוואַרד אינזל).

טים באַק אין קאַמף
קעגן פּאָליטישער דעמאָראַליזאַציע

איינער פון די וויכטיקסטע קאַמפן, וואָס די וואָרקערס פּאַרטיי און שפּעטער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געפירט אין די 20־קער יאָרן און אין וועלכן טים באַק האָט זיך באַטייליקט אַלס אַ פירנדיקער קאָמוניסט, איז געווען דער אידעאָלאָגישער קאַמף קעגן דעם דעמאָראַליזירנדיקן געדאַנק, אַז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זייער שטאַרק באַווירקט קאַנאַדע, האָט שוין געלייזט די פּראָבלעם פון קריזיסן און אַז מיר זיינען אריינגעטראָטן אין דער „ערא פון פּערמאַנענטער פּראָספּעריטי".

די פּאַרטיי האָט אָנגעפירט אַ סיסטעמאַטישע און אומאונטערבראָכענע פּראָפּאַגאַנדע קעגן יענער דעמאָראַליזירנדיקער טעאָריע. טראָץ דעם וואָס די דאָזיקע טעאָריע האָט דורכגעדרונגען גרויסע טיילן פון די ארבעטער און אפילו די לינקע באַוועגונג, האָט די פּאַרטיי געקעמפט פאַר אַ ריכטיקער מאַרקסיסטישער פאַרשטענדעניש פון דעם פּעריאָד, וואָס מיר האָבן דאַן דורכגעלעבט. און טים באַק איז געווען איינער פון די געציילטע, וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף פאַר אַ ריכטיקער שטעלונג. ניט יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען די ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־שטעלונג אין יענער צייט און פיל אָרנטלעכע ארבעטער האָבן זיך אונטערגעגעבן צו דער קאַמפּאַניע פון דער רעכטער ארבעטער באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד פאַר אויסשליסן די קאָמוניסטן פון די טרעיד יוניאָנס ווי אַ מיטל צו באַפרייען זיך אַליין פון דער שאַרפער און אומוואַקלדיקער, אָבער ריכטיקער, קאָמוניסטישער קריטיק.

דורך יענעם פּעריאָד איז טים באַק אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער מאַשיניסטן יוניאָן, צוגלייך מיט אַנדערע, ווי דזשים מעקלאַקלען, דער פאַר־שטאָרבענער פירער פון די מאַינער אין נאָוואַ סקאָשיע, וויליאַם ז. פאָסטער אין די שטאַטן און הונדערטער אַנדערע.

דער דעמאָראַליזירנדיקער געדאַנק פון „פּערמאַנענטער פּראָספּעריטי" האָט אויך אריינגעדרונגען אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא. צוויי שטרעמונגען, וואָס האָבן אויסגעדריקט די דאָזיקע דעמאָראַ־ליזאַציע, האָבן זיך דאַן אויסגעפאָרמירט. איינע, וואָס האָט באַנוצט אולטראַ־רעוואָלוציאָנערע פראַזן און האָט זיך אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פעלד געשטעלט אויף דער זייט פון טראָצקין, איז געפירט געוואָרן פון מאָרים ספּעקטאָר, דער דעמאָלטדיקער רעדאַקטאָר פון „וואָרקער". די צווייטע שטרעמונג האָט אויף אַ זייער אומגעלומפּערטן אופן אויפגעגעבן אַפילו די פּרעטענציע אויף מאַרקסיזם און האָט זיך פאַראייניקט הינטער דער גלאָריפיקאַציע פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן גענומען די שטעלונג, צוזאַמען מיט דעם טרויעריק־באַרימטן לאָווסטאָן, אַז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז אַזוי שטאַרק, אַז ער קען פאַרמיידן קריזיסן און דעפּרעסיעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן (און קאַנאַדע), אָפּגעזען פון דעם, וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען אין די איבעריקע טיילן פון דער וועלט. די דאָזיקע צווייטע שטרעמונג איז אין דער קאַנאַדער פּאַרטיי אָנגעפירט געוואָרן דורך דזשעק מעקדאָנאַלד,

דער דעמאָלטדיקער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. אויבערפלעכלעך האָבן די צוויי אויסדרוקן פון דעמאָראַליזאַציע אויסגעקוקט צו זיין ווייט צעשיידט איינער פון דעם אַנדערן, פּונקט ווי זיי זיינען ביידע געווען אָפּגעשיידט פון דער ריכטיקער שטעלונג פון דער פּאַרטיי. אָבער ווי טים באַק און די אַנדערע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן אים געשטיצט, האָבן אָנגעוויזן צו יענער צייט, איז דער אונטערשייד געווען בלויז אין אויסקוק. די פונדאַמענטאַלע שטעלונג, סיי פון די טראָצקיסטן און סיי פון די לאָװסטאָניסטן איז געווען די זעלבע. נעמלעך, זיי האָבן פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דעם כוח פון דעם אַרבעטער־קלאַס און אַרויסגעוויזן אַ פאַרלאַנג צו געפינען אַ „לייכטן וועג". איין גרופּע האָט עס געזוכט אין רעוואָלוציאָנערע פראַזן, ווי אַן אויסרייד פאַר אַרויסציען זיך פון דעם שווערן טאָג־טעגלעכן קאַמף; די אַנדערע האָבן עס געזוכט אין צוריקווייזן יעדן געדאַנק, אַז קאַמף וועט בכלל זיין נויטיק.

דער שטרייט איז געקומען צו אַ קלימאַקס בּאַ דעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין 1929. בּאַ יענעם צוזאַמענפאָר איז מעקדאָנאַלדן געלונגען צו קריגן די שטיצע פון דער גרויסער מערהייט דעלעגאַטן. אָבער דער קאַטאַסטראָפאַלער קריזיס, וואָס האָט געטראָפן אַמעריקע און די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט עטלעכע געציילטע חדשים שפּעטער, האָט באַוויזן מער פולשטענדיק און איבערצייגנדיק ווי וועלכע עס איז רעדעס, אַז די מינדערהייט פון די דעלעגאַטן, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט מאַרקסיסטישע וויסנשאַפט אָנשטאַט פראַמע וואונטשן, איז געווען ריכטיק אין איר אָפּשאַצונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין יענע יאָרן און די פּראָבלעמען, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג.

די פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן שנעל באַפרייען פון די פרעמדע און צופעליקע עלעמענטן, וועלכע האָבן דערזערטירט דעם קלאַסן־קאַמף און זיינען געוואָרן פולשטענדיק דעמאָראַליזירט, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט זייערע פירער מעקדאָנאַלד און ספּעקטאָר. די פּאַרטיי האָט שנעל גענומען קומען צו זיך. פּנים־אל־פּנים מיט אַ סיטואַציע פון בוכשטעבלעכער צעפאַלונג פון אינדוסטריע, מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט, קיין שום באַזאָרגונגס־מיטלען און פּלענער פאַר די גרויסע מאַסן אַרבעטלאָזע, קריזיס אויף די פאַרמס און צווישן קליינע געשעפטסלייט אין די שטעט — האָט די פּאַרטיי אויסגעקליבן אַ נייע און מער יוגנטלעכע פירערשאַפט — בּראָש מיט אַזעלכע, וועלכע האָבן פאָראויסגעזאָגט אַזאַ קריזיס און געפאָדערט די נויטיקע צוגעגרייטקייט דעם קריזיס צו באַגעגענען. טים באַק איז דערוויילט געוואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

טים באַק ווערט דער
פירער פון גרויסע קאַמפּן

אונטער איר נייער פירערשאַפט האָט די פּאַרטיי גענומען די איניציאַטיווע אין אָרגאַניזירן אַן אַל־קאַנאַדישע מאַסן־באַוועגונג צו אויסווירקן רעגירונגס־מיטלען אויף צו פאַרלייכטערן די ביטערע עקאָנאָמישע לאַגע.

א גאַנץ ברייטע פּראָגראַם פון מאַסמיטלען פאַר באַלדיקער פאַרלייכטערונג און פאַר באַזאָרגן די ארבעטלאָזע אין די שטעט און די פאַראָרעמטע פּאַרמער — א פּראָגראַם פון געזעלשאַפטלעכע ארבעטן צו שאַפן באַלדיקע באַשעפטי־קונג פאַר צענדליקער טויזנטער ארבעטער — און פאָרשלאָגן פאַר א מאַראַ־טאָריום צו ראַטעווען די קליינע געשעפטסלייט און די פאַרמער איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. בליץ־שנעל איז די פּראָגראַם געוואָרן דאָס אייגנטום פון הונדערטער יוניאָנס און פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון ספּעציעלע קאָנפערענצן, וואָס זיינען דאַן גערופן געוואָרן אין אלע גרעסערע שטעט אין קאַנאַדע. א דעלעגאַציע, פאָרטרעטנדיק די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון דרייסיק שטעט פון איין ברעג לאַנד ביזן צווייטן און פון א צאָל פאַרמער־קאָנפערענצן, האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אָטאַווא און פאָר־געבראַכט די פּראָגראַם פאַר פּרעמיער ר. ב. בענעט און די מיטגלידער פון זיין קאַבינעט. בענעט האָט זיי אויפגענומען מיט ליכטזין און ציניזם. דער פּאָליטישער אינהאַלט פון זיין ענטפער צו די פּונקטן אין דער פּראָגראַם, וואָס די דעלעגאַציע האָט פאָרגעבראַכט, איז געווען אַן עפנטלעכער פאָרשלאַג צו באַצאָלן די הוצאות פון דעם פירער פון דער דעלעגאַציע, טאָם יוען, קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

רעאַקציאָנערע רעגירונג אַרעסטירט טים באַק אונטער סעקשאַן 98

פּראָטעסטן פון אלע טיילן פון לאַנד האָבן פאַרפּלייצט די רעגירונג קעגן בענעטס חוצפּה'דיקער און ברוטאַלער שטעלונג. דער ענטפער פון זיין רעגירונג און פון די טאָרים איבער גאַנץ קאַנאַדע צו דער פּראָטעסט־כוואַליע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאַרשווערונג פון דער טאָרי־רעגירונג פון אָנטעריאָ, וועלכע האָט אין געהיים ארויסגעגעבן אַרעסט־צעטלען פאַר דעם אַרעסט פון טים באַק און אלע מיטגלידער פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דעם 11־טן אויגוסט, 1931, פּונקט 7 אַזייגער פאַרנאַכט, האָבן מיטגלידער פון דער פעדעראַלער פּאָליציי דורכגע־פירט איבערפאַלן אויף די אָפּיסעס פון דער פּאַרטיי, „וואָרקער", וואָרקערס יוניטי ליג און אין די היימען פון די פירנדיקע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי איבער גאַנץ קאַנאַדע. די פירער פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די איינציקע עפנטלעכע באַוועגונג, וואָס האָט פאַרשפּראָכן וועלכע עס איז האָפענונג צו די הונדערטער טויזנטער קרבנות פון דעם שרעקלעכן קריזיס, זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין זיין די פירער פון אַן אומגעזעצלעכער אָרגאַניזאַציע, לויט די פאַרשריפטן פון סעקשאַן 98 פון דעם קרימינעלן קאָדעקס.

דער פּראָצעס, דורך וועלכן די טאָרים האָבן געזוכט ארונטערצוהאַקן דעם קאָפּ פון דער ארבעטער באַוועגונג, איז געגנג נאָענט און זיינע הויפּט־שטריכן וועלן נאָך די מערסטע לייענער געדענקען. טים באַקס רעדע צו דער דזשורי האָט ארויסגעבראַכט צום ערשטן מאָל אין א קאַנאַדער געריכט די היסטאָרישע אמת'ן, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין קאַנאַדע איז

געשאפן געוואָרן דורך קאַנאַדער באַדינגונגען, לויט די נויטן פון די קאַנאַדער אַרבעטער און אַז אירע פּאָרשלאָגן זיינען באַזירט אויסשליסלעך אויף אונזערע נויטן ווי אַ מלוכה און אַ פאָלק.

„איך האָף" — האָט טים באַק דערקלערט צו דער דזשורי — „אַז וואָס דער אויסגאַנג פון דעם משפט זאָל נישט זיין, וועט זיין ווירקונג אויף דעם אַרבעטער־קלאַס אין קאַנאַדע זיין פּונקט די זעלבע ווי פון דעם אויסגאַנג פון דעם פּאַרזוך טאַקע דאָ אין דער זעלבער שטאָט טאָראָנטאָ, אין 1872, צו מאַכן אוממעגלעך פאַר די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן טרעיד יוניאָנס, און פון די פּאַרזוכן אין ענגלאַנד אין 1834 צו פאַרמיידן די אָרגאַניזירונג פון טרעיד יוניאָנס, און אויך די פּאַרזוכן אין 1908 צו מאַכן אוממעגלעך די אָרגאַניזירונג פון דער בריטישער לעיבאָר פּאַרטיי. איך האָף, אַז דער רעזולטאַט וועט זיין פּונקט דער זעלבער, ווי דער רעזולטאַט אין יעדן היסטאָרישן פּרעצעדענט פון אַזאַ מין, אַז דער פּאַרזוך צו אונטערדריקן אַרבעטער־קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס וועט בלויז פירן צו אַ פאַרגרעסערונג פון דער באַוואוסטזיניקייט אין די רייען פון דעם אַרבעטער קלאַס וועגן דער נויטיקייט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס און אַ טיפערע פאַרשטענדעניש וועגן דער ראָל, וואָס אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס שפּילן".

די דאָזיקע ווערטער זיינען היסטאָרישע אמת'ן, וואָס ווערן באַשטעטיקט מיט יעדן טאָג וואָס קומט אָן, און וואָס נעמען זיך פון דער טיף־וויסנשאַפטלעכער באַנעמונג פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן (די קלאַסן־פאַרהעלטענישן) אין דער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען די טרייב־קראַפט פון געשיכטע.

ווערט פאַר'משפט צו 5 יאָר טורמע

דער ספּעציעלער פּראָקוראָר האָט ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך אָפּצולייקענען אָדער אויף וועלכן עס איז אופן צו ענטפערן אויף די פונדאַמענטאַלע באַווייזן פון דער פאַרטיידיקונג. שטיצנדיק זיך אויסשליסלעך אויף די ווילדע אַנטי־סאָוועטישע פאָראורטיילן, וועלכע האָבן דאַן געהערשט, און אויף דעם פאַלשן געדאַנק, אַז די קאָמוניסטן זיינען פאַראינטערעסירט אין פּראָוואָצירן גוואַלדטאַטן אין אונזער לאַנד, האָט דער פּראָקוראָר שטרענג געפאָדערט, אַז טים באַק און די אַנדערע אָנגעקלאָגטע זאָלן געפונען ווערן שולדיק. און כאָטש ער האָט קיין שום באַווייזן ניט געהאַט, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבן געפּריידיקט גוואַלדטאַטן, האָט דער פּראָקוראָר אַרגומענטירט, אַז די אָנגעקלאָגטע דאַרפן פאַר'משפט ווערן כדי צו פאַרמיידן אַ לאַגע, וואו גוואַלדזאַמקייטן זאָלן אויסברעכן, אויב די ברייטע אַל־קאַנאַדישע קאַמפּאַניע צו פאַרלייכטערן די שווידערלעכע באַדינגונגען וועט האָבן די מעגלעכקייט אָנצוגיין אויף ווייטער. דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט נאָוועמבער 13־טן, 1931. טים באַק און זיינע חברים זיינען געפונען געוואָרן שולדיק און פאַר'משפט געוואָרן צו 5 יאָר תפיסה.

די דערקלערונג וואָס טים באַק האָט אין נאָמען פון אַלע אָנגעקלאָגטע קאָמוניסטן געמאַכט אין געריכט דריקט אויס היינט־צו־טאָג, פּונקט ווי זי האָט דאַן אויסגעדריקט, דעם טיפן גלויבן אין דער אַרבעטער באַוועגונג און אין דער גערעכטיקייט פון אירע צילן. טים באַק און די אַנדערע פאַר־

משפט'ע האָבן אַפּעלירט קעגן דער שטראָף. בעת טים באַק און זיינע חברים האָבן געוואַרט אויף דעם אורטייל פון דעם אַפּיל־געריכט, איז טים באַק געווען אַ קאַנדידאַט צו דער באָארד אָוו קאָנטראָל אין די טאָראָנטער שטאָטישע וואַלן. זעקס טויזנט טאָראָנטער וויילער האָבן דעמאָנסטרירט זייער מיינונג וועגן דעם אורטייל דורך שטימען פאַר טים באַק דעם 1־טן יאַנואַר, 1932, טראָץ דעם וואָס טים באַק איז שוין דאַן געווען פאַר'משפט צו 5 יאָר טורמע.

מאַסן־אויפבּרויז קעגן דעם אורטייל

דער אַפּיל איז צוריקגעוויזן געוואָרן. אין פעברואַר, 1932, זיינען טים באַק, סעם קאַר, דזשאַן באָיטשוק, טאָם יוען, מעטיו פּאָפּאָוויטש, מאַלקאָלם ברוס און טאָם היל פאַר'משפט געוואָרן צו 5 יאָר אין דער קינגסטאָנער תפיסה, און טאָם קעסיק אויף צוויי יאָר. די תפיסה־טויערן האָבן זיך נאָך ניט געהאַט פאַרשלאָסן הינטער זיי, ווען אַ שטורעם פון פּראָטעסטן קעגן דעם אורטייל און פאָדערונגען פאַר זייער באַפרייאונג און פאַר דער אָפּשאַפונג פון סעקשאָן 98 האָט אויסגעבראָכן איבערן גאַנצן לאַנד. די קאַנאַדער לעיבאָר דעפענס ליג, אָנגעפירט פון רעוו. אַ. ע. סמיט, בעקי ביוהיי, ה. גוראַלניק עני בולער און אַנד. האָט אָרגאַניזירט אַ מאַסן־באַוועגונג צו אויסקעמפן בא דער רעגירונג די פאָלקס־פאָדערונגען פאַר דער באַפרייאונג פון די קאָמוניסטישע פירער. אין דער פּעטיציע־קאַמפּאַניע סוף 1932 און אָנהויב 1933 האָבן ניט ווייניקער ווי 483 טויזנט קאַנאַדער בירגער אונטערגעשריבן די פּעטיציע, וואָס האָט געפאָדערט די באַפרייאונג פון די 8 און די אָפּשאַפונג פון סעקשאָן 98.

דער ראַיאָט־בלבול קעגן טים באַק

דער רעבעלירנדיקער מאַסן־אויפבּרויז אין יענע הונגער־יאָרן איז באַגלייט געוואָרן מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד און אויך אין אייניקע קאַנאַדער תפיסות. אין אָקטאָבער, 1932, האָט אין דער קינגסטאָנער תפיסה אויסגעבראָכן אַ ראַיאָט. די בענעט־רעגירונג האָט זייער שטאַרק געפּרואווט שאַפן דעם איינדרוק, אַז טים באַק און די אַנדערע קאָמוניסטן זיינען געווען די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די ראַיאָטן און ניט די זייער שלעכטע און ברוטאַלע אדמיניסטראַציע אין די טורמעס. די בענעט־רעגירונג האָט אַפילו פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן טים באַק אויף דער קלאַגע פון אָרגאַניזירן די ראַיאָטן אין דער קינגסטאָנער תפיסה. אויב טים באַק זאָל געווען געפונען ווערן שולדיק, וואָלט ער געווען פאַר־משפט געוואָרן צו נאָך 14 יאָר טורמע.

טים באַק איז אָבער געווען אימשטאַנד צו באַווייזן דאָס פאַרקערטע. זיין רעדע אין געריכט בא יענעם פּראָצעס איז געווען אַ סיסטעמאַטישע אויפדעקונג פון די חסרונות און גרויזאַמקייטן פון דעם טורמע־רעזשים, וואָס האָט פּראָוואָצירט גוואַלדטאַטן און ראַיאָטן צווישן די אַרעסטאַנטן. די רעדע איז אויך געווען אַן עפנטלעכע ווענדונג צו דער מענטשלעכקייט פון די

קאנאדער בירגער, אז זיי זאלן אויסווירקן אויסבעסערונגען אין די באדינגונגען, כדי די טורמעס זאלן ניט פארבלייבן שולן פון פארברעכן. נאכמער, אין גאנג פון זיין רעדע האט טים באק געקענט באווייזן, להיפוך צו די פאנטאסטישע מעשיות וואס רעגירונגס־פארשטייער האבן פארשפרייט, אז קיין שום אויפרודערונג איז ניט פארגעקומען אין דעם טייל פון דער טורמע, וואו ער איז געווען פארשפארט, נאר אז אן אבזיכטלעכער פארזוך איז געמאכט געווארן אים צו דערשיסן (אקטאבער 20־טן, 1932), אונטערן צודעק פון דעם ראיאט און שיסעריי, וואס איז אנגעגאנגען אין א צווייטן טייל פון דער טורמע.

טים באקס עדות־זאגן און די רעדע אין געריכט בא יענעם פראצעס האט ניט בלויז איבערצייגט דעם ריכטער און דורכגעווארפן די פארשווערונג פון דער בענעט־רעגירונג. די רעדע איז שפעטער ארייננגעגאנגען, אין דער פארם פון א דירעקטן פארשלאג מצד דער ספעציעלער ראיאל קאמישאן, וועלכע האט אונטערזוכט די לאגע אין די טורמעס, און ווי א באזיס פאר אירע רעקאמענדאציעס אויסצובעסערן די שרעקלעכע באדינגונגען אין די טורמעס וואס טים באק האט אויפגעדעקט.

יארן פון שוידערלעכער אונטערדריקונג און גרויסע קאמפן

די יארן, ווען טים באק און זיינע חברים זיינען געווען אין דער קינגסטאנער תפיסה, זיינען געווען יארן פון ביטערער אונטערדריקונג און פארפאלגונג קעגן דער ארבעטער־באוועגונג. די בענעט־רעגירונג האט איינגעפירט שקלאפן־קעמפס פאר דער ארבעטלאזער יוגנט, האט גענוצט פאליציי און סאלדאטן און אין איין פאל אפילו טאנקען צו צעברעכן סטרייקס, און האט פאר׳משפט מענטשן צו יארן טורמע אויף דער בלויזער קלאגע פון האבן קאמוניסטישע מיינונגען. דורך די אלע יארן איז די ארבעט פון בויען די ארבעטער באוועגונג אנגעפירט געווארן דורך די איבערגעגעבענע מיטגלידער פון דער פארטיי, וועלכע זיינען געבליבן פריי און זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם קאמפס־גייסט פון זייער פירער, טים באק. פאראלעל מיט די ברייטע קאמפאניעס פאר דער באפרייאונג פון די 8 און פאר אפשאפן סעקשאן 98 איז אנגעגאנגען א סיסטעמאטישע ארבעט צו ארגאניזירן די ניט־ארגאניזירטע ארבעטער.

דורך יענעם פעריאד זיינען ארגאניזירט געווארן יוניאנס, וועלכע שפילן איצט א וויכטיקע ראל. די ווארקערס יוניטי ליג, וועלכע האט געפירט די ארגאניזיר־קאמפאניעס, האט געהאלפן די ארבעטער אין איין אינדוסטריע נאך א צווייטער צוריקצושלאגן לוין־שניטן. זייט בא זייט מיט די דאזיקע קאמפאניעס איז אנגעגאנגען אן עקשנות׳דיקע ארבעט צו ארגאניזירן די ארבעטלאזע, באזונדערס די יוגנט, און צו אנטוויקלען די אומאפהענגיקע פאליטישע אקציעס פון דעם ארבעטער קלאס, באזונדערס אין די מוניציפאלע וואלן. טים באק איז געווען א קאמוניסטישער קאנדידאט פאר א ריי יארן. נאך זיין ארייננגיין אין טורמע און ווען די קאמוניסטישע פארטיי איז געווארן

אומגעזעצלעך, איז אויפגעקומען די פראגע ווי אזוי פאַרצוזעצן די ארבעט פון אויפבויען א גרויסע באוואוסטזיניקע ארבעטער־אָפּשטימונג אין די טאָראָנטער שטאָטישע וואלן. עס איז געווען אוממעגלעך פאר עמיצן צו זיין אן אָפּיצי־עלער קאָמוניסטישער קאנדידאט. דאן איז עלים באק, די פרוי פון טים באק, ארויסגעקומען אין די וואלן ווי איינע וואָס זעצט פאָר די ארבעט, וועלכע טים באק האָט ניט געקענט פאָרזעצן. אין די שטאָטישע וואלן, איידער טים באק איז פארשיקט געוואָרן אין תפיסה, האָט ער געצויגן ארום 6,000 שטימען. אָבער ביז דער צייט פון טים באקס באפרייאונג האָט עלים באק ארויפגעצויגן די צאָל שטימען צו איבער 10 טויזנט.

טים באק קומט אַרויס פון טורמע; קריגט הערלעכע אויפנאַמע

די מאסן־טעטיקייט פון די איבערגעגעבענע מענער און פרויען, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט די קאמפן אין די דריי יאָר וואָס טים באק איז געווען אין טורמע, האָט זיך אָפּגעשפיגלט אין דער עפנטלעכער אויפנאמע, וואָס טים באק האָט געקראָגן ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין טאָראָנטאָ, נאָוועמבער 24־טן, 1934. אין קנאַפּע 3 שעה צייט, צווישן דער נייעס וועגן זיין באפרייאונג און דעם אָנקומען פון דער באַן האָבן טויזנטער טאָראָנטער איינוואוינער פארשפרייט די פריידיקע נייעס און אָנגעפילט דעם יוניאָן סטעישאָן און די דערבייאיקע גאסן, פארהילכנדיק די לופט מיט געזאנג און יובל'דיקע אויסרופן. א וואָך שפּעטער, זונטיק אָוונט, דעם 1־טן דעצעמבער, 1934, האָבן 17 טויזנט טאָראָנטער בירגער אָנגעפילט דעם מעיפּל ליף גארדנס און טויזנטער האָבן זיך פארזאמלט אין דרויסן, ניט קענענדיק אריינגיין, בא דער עפנטלעכער אויפנאמע פאר טים באק.

ר. ב. בענעט האָט זיך באַרימט, אז טים באק וועט זיין פארשפּארט אין טורמע ביז דעם לעצטן טאָג פון די 5 יאָר. דער מעכטיקער דרוק פון די קאנאדער מאסן האָט געצוואונגען בענעטן צו באַפרייען טים באק א סך פריער, צו צוויי יאָר און 9 חדשים. בענעט האָט דערקלערט, אז „אגיטאַטאָרס" און זייער אגיטאציע וועט צעשמעטערט ווערן אונטערן „אייזערנעם קנאַפּל פון אומ'רחמנות'דיקייט" און פּריים, דער טאָרי אַטוירני־דזשענעראַל פון אָנטעריאָ צו יענער צייט, האָט דערקלערט, אז די קאָמוניסטישע פּארטיי איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין קאַנאַדע. אָבער, ווי טים באק האָט אָנגע־וויזן, פאר דעם 17־טויזנט־קעפּיקן עולם בא יענעם אומפארגעסלעכן מיטינג, האָט דאָס פּאָלק געגעבן זיין ענטפער צו די פּאָטענציעלע קליינע היטלערס. טים באק און זיינע חברים זיינען ארויס אויף דער פריי. די וואָרקערס יוניטי ליג, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרן כמעט ערשט ווען טים באק איז פאר־שיקט געוואָרן אין תפיסה, האָט שוין איצט געהאט 45 טויזנט מיטגלידער אין אירע יוניאָנס. די סיסטעמאטישע עפנטלעכע מאסן־טעטיקייט און די אָרגאניזיר־ארבעט האָט געוואונען באדייטנדיקע הנחות מצד דער רעגירונג פאר לייכטער מאכן די לאגע פון די ארבעטלאָזע און פון די קליינע געשעפטס־לייט, פון די פּראָפעסיאָנאלן און די פארמער, וועלכע זיינען אלע געווען

די קרבנות פון דעם קריזיס. טראָץ דעם, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געמאַכט געוואָרן אומלעגאַל און אירע מיטגלידער זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן, איז זי אויסגעוואַקסן פון א קליינער מיטגלידערשאַפט פון אַרום 3 טויזנט אין דער צייט פון די איבערפאַלן, אין אויגוסט, 1931, צו 8 טויזנט אין עטלעכע וואָכן נאָך טים באַקס באַפרייאונג. די אויסגעהאַלטענע און איבערגעגעבענע טעטיקייט, דורך וועלכער טויזנטער קאָמוניסטן האָבן אויסגעקעמפט די דאָזיקע פאַרבעסערטע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, צוזאַמען מיט די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע קריזיס־באַדינגונגען, האָבן געשאַפן א לאַגע פון אַלגעמיינעם פּאָליטישן אויפשוואונג אין די רייען פון די אַרבעטער און פאַרמער, און דער דאָזיקער אויפשוואונג האָט געבאָרן די סי. סי. עף.

טים באַקס שטעלונג צו
דעם אויפקום פון דער סי. סי. עף.

טים באַקס שטעלונג צו דעם געבורט פון דער סי. סי. עף., אויסדריקנדיק די שטעלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געווען איבער אַלץ א שטעלונג פון באַגריסונג צו דעם ברייטן קרייז מענטשן, וועלכע זיינען אַזוי אַרום צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע ווי אַן אומאָפּהענגיקע קראַפט, קעמפנדיק פאַר פּראָגרעסיווע פּאָליסים. אין דער סאַמע ערשטער רעדע, באַלד נאָך זיין באַפרייאונג, האָט טים באַק אַפּעלירט צו די מיטגלידער און די פירער פון דער סי. סי. עף., צו קאָאָפּערירן אין פאַראייניקטער אַקציע מיט די קאָמוניסטן און מיט אַנדערע לינקע כוחות אין די אַנקומענדיקע פעדעראַלע וואַלן צו יענער צייט. אין אַפּריל, 1935, האָט טים באַק איבערגע׳חזר׳ט דעם אַפּיל און פאָרגעזעצט דעם קאַמף פאַר פאַר־אייניקטער אַקציע מיט דער סי. סי. עף. אין דער קאַמפּאַניע פון די פעדעראַלע וואַלן אין אָקטאָבער פון יענעם יאָר.

פאַר מענטשן, וועלכע האָבן געפרעגט, ווי קומט עס וואָס קאָמוניסטן אַפּעלירן צו דער סי. סי. עף. מיטגלידערשאַפט צו פאַראייניקטער אַקציע, און אין דער זעלבער צייט פירן זיי אָן א כסדר׳דיקן אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דער סי. סי. עף., האָט טים באַק אויפגעקלערט די גרונט־פראַגע, וואָס האָט באַהערשט די קאָמוניסטישע שטעלונג צו דער סי. סי. עף., זינט דעם טאָג ווען די סי. סי. עף. איז געבאָרן געוואָרן. יענע שטעלונג איז א פּועל־יוצא פון צוויי פונדאַמענטאַלע עלעמענטן פון אַרבעטער קלאַסן־פּאָליטיק. דער ערשטער — דער קאַמף צו פאַראייניקן דעם אַרבעטער־קלאַס אין אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע אַקציעס, באַזירט אויף דער היסטאָרישער ראָל פון דעם אַרבעטער קלאַס, וועלכער איז דער טרעגער פון סאָציאַליזם. אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער פונדאַמענטאַלער ראָל פון דעם אַרבעטער קלאַס שטרעבן די קאָמוניסטן כסדר צו פאַראייניקן אַלץ ברייטערע שיכטן אין קאַמף און צו העלפן דעם אַרבעטער קלאַס צו האַנדלען ווי א קלאַס, וואָס דורך דער באַפרידיקונג פון זיינע קלאַסן־אינטערעסן ווערט פאַרבעסערט דאָס לעבן פון דער גאַנצער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער גרונט־שטריך

פון דעם קאמף מצד דעם ארבעטער קלאַס רופט ארויס די נויטווענדיקייט אַלע מאָל אוועקצושטעלן אין פאָדערגרונט די באַמיאונגען צו דערגרייכן איייניקייט מיט אַלע טיילן פון דער אַרבעטער באַוועגונג, אײַנשליסנדיק די סי. סי. עף. דער צווייטער עלעמענט, וואָס באַשטימט די באַציאונגען צווישן די קאָמוניסטן און דער סי. סי. עף., איז דער פאקט, וואָס דער קאמף פאר אייניקייט איז איבער אַלץ א קאמף פאר ריכטיקע פּאָליסים. די קאָמוניסטן אַפּעלירן כסדר צו דער סי. סי. עף. און אַלע אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטער באַוועגונג פאר פאַראייניקטער אקציע ארום אזעלכע פּאָליסים פון קאַמף, וואָס זיינען באַזירט אויף די היסטאָרישע מאַרקסיסטישע איבערציי־גונגען וועגן דער ראָל פון דעם ארבעטער קלאַס, ווי דעם סאמע אנטשיידנדיקן קלאַס אין דער געשיכטע. אזוי זען מיר דעם כסדר'דיקן צווישנשפּיל פון דעם קאמף פאַר אייניקייט און דעם אידעאָלאָגישן קאמף קעגן פּאָליסים פון דעם סאָרט, דורך וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פירערשאַפט אין איירָאָפּע האָט פאַרראַטן די אַרבעטער במשך פון דער וועלט־מלחמה פון 1914-1918 און אין די פּאָר צענדליק יאָר נאָך יענער מלחמה.

פירט באַוועגונג פאַר דעם קאַמף קעגן פאַשיזם

אין יוני, 1936, האָט די קינג־רעגירונג, וועלכע איז מיט א יאָר פריער דערוויילט געוואָרן, אָפּגעשאפן סעקשאָן 98. פאקטיש האָט שוין דאָס פּאָלק אַליין געהאט אָפּגעשאפן סעקשאָן 98 דורך אָפּזאָגן זיך צו ווערן אָנגעשראָקן און טעראָריזירט, ווי טים באק האָט אָנגעוויזן אין זיינע רעדעס, וואָס ער האָט געהאלטן ווען ער איז ארומגעפאָרן איבער דער לענג און ברייט פון קאַנאַדע און זיך אָפּן דערקלערט אלס דער סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. נאָך דער אָפּשאפונג פון סעקשאָן 98 האָט די קאָמוניסטישע פארטיי אונטער דער ענערגישער פירערשאפט פון טים באק, זיך רעאָרגאניזירט אויפן באַזיס פון אָפענע און ברייטע קאָמוניסטישע ברענטשעס און האָט גערופן די ארבעטער באַוועגונג, איינגעשלאָסן די סי. סי. עף., צו פאראייניקן די כוחות אין דער אָנשטרענגונג צו בויען א ברייטע אנטי־פאשיסטישע פּאָלקס־באַוועגונג. אויף זיין טור אין מערב־קאַנאַדע האָט טים באַק זיך אָפּגעשטעלט אין וויניפּעג אויף א קורצער צייט און געהאָלפן דערוויילן דעם ערשטן קאָמוניסטישן מיטגליד אין פראָווינציעלן פארלאמענט אין מאַניטאָבאַ. טים באק איז געווען אין מיטן פון זיין טור אין סאסקאַטשעוואן (ארומגעפאָרן אין אן אויטאָמאָביל) ווען ער האָט געקראָגן א דרינגענדיקן רוף פון דעם סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין שפּאַניע, כאָזע דיאַז, צו קומען אין שפּאניע און זיך באַטייליקן אין א וועלט־קאָנפערענץ, וואָס די שפּאנישע פארטיי האָט גערופן, צו העלפן מאָביליזירן די דעמאָקראטישע כוחות פון דער וועלט צו הילף דער דעמאָקראטיש־דערוויילטער רעפּובליקאַנישער רעגירונג אין שפּאניע. בלויז עטלעכע טעג פריער האָט די קאנאדער פּרעסע געמאָלדן די נייעס וועגן אן אויפשטאנד פון ארמיי־גענעראלן און מאָנארכיסטן אין שפּאניע קעגן דער דעמאָקראטישער רעגירונג. אָבער דער

רוף פון כּאָזע דיאַז איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, אַז דער פאַשיסטישער אויפשטאַנד פון די גענעראַלן איז ווירקלעך געווען פינאַנסירט און אָרגאַניזירט פון דעם וועלט־פאַשיזם, אונטער דער פירערשאַפט פון היטלערן און מוסאָליניִן, און אַז דאָס וואָס די צייטונגען האָבן גערופן „בירגער־קריג״ איז פאַקטיש געווען דער ערשטער אַקט אין דער היסטאָרישער דראַמע פון דעם באַוואָפנטן און בלוטיקן קאַמף צווישן דעמאָקראַטיע און פאַשיזם.

באַטייליקט זיך אין
די שלאַכטן אין שפּאַניע

טים באַק האָט איבערגעריסן זיין טור און האָט באַלד זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער לאַנגער רייזע קיין באַרצעלאָנאַ, וואו די קאָנפערענץ האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן. אָנקומענדיק אַהין האָט ער אויסגעפונען, אַז ס'איז געווען נויטיק צו אַריבערפירן די קאָנפערענץ אין מאַדריד. ווען טים באַק איז אָנגעקומען אין מאַדריד זיינען נאָך די מערסטע דעלעגאַטן דאָרט נים געווען. ס'איז אָבער דאַן שוין געווען א פאַרצווייפלטע באַדערפעניש פאַר מענטשן אויפן פראָנט. טים באַק איז אַוועק קיין טאָלעדאָ מיט אַן עשאַלאָן פון פאַר־שטאַרקונגען פאַר דעם 5־טן רעגימענט פון דער לאָיאַליסטישער אַרמיי. דינענדיק מיט דעם 5־טן רעגימענט דורך דעם לאַנגן צוריקטריט פון טאָלעדאָ צו מאַדריד האָט טים באַק געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו לערנען פון ערשטער האַנט דעם פאַרנעם און כאַראַקטער פון אויסלענדישער פאַשיסטישער הילף צו די גענעראַלן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד. און ווען די קאָנפערענץ איז ענדלעך זיך צונויפגעקומען צו מאָביליזירן דעמאָקראַטישע שטיצע פאַר די שפּאַנישע אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער, האָט טים באַק מיטן גאַנצן האַרצן געשטיצט דעם געדאַנק פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, ווי אויך יעדע מעגלעכע מאַטעריעלע הילף, וואָס זאָל אויסדריקן די אחריות'ן פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע צו דעם שפּאַנישן פאָלק.

אינספּירירט די גרויסע
הילפס־אַרבעט פאַר שפּאַניע

אומקערענדיק זיך אין קאַנאַדע באַלד נאָך דער קאָנפערענץ האָט טים באַק אַרויסגעלאָזן א דרינגענדיקן אַפּיל צו אַלע קאַנאַדער דעמאָקראַטן, רופנדיק זיי צו שטיצן די שפּאַנישע רעפּובליקאַנישע רעגירונג. ער האָט געמאַכט א טור איבער קאַנאַדע צו העלפן אָרגאַניזירן די דאָזיקע שטיצע. אַלס אָפּרוף אויף דעם דירעקטן אַפּיל פון טים באַק האָבן די קאַנאַדער אַרבעטער, פאַרמער און אַנדערע דעמאָקראַטן, אַוועקגעשיקט קיין שפּאַניע א צאָל אַמבולאַנסן, סערום, הונדערט טויזנט קאַנען מילך, צענדליקער טויזנטער בושל ווייץ און אַנדערע גרויסע זאַפּאַסן פון פאַרשיידענע שפּייז, קליידער און שיך.

דר. נאָרמאַן בעטיון, א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זעענדיק דעם קאַמף אין שפּאַניע ווי דעם אָנהויב פון דעם באַוואָפנטן וועלט־

שטרייט צו באַשטימען צי דעמאָקראַטיע אָדער פאַשיזם זאָל טריאומפירן, האָט זיך באַראַטן מיט טים באַק און געבעטן די פּאַרטיי־פירערשאַפט צו העלפן אים אָרגאַניזירן אַ מאָבילן שפּיטאָל פון בלוט־איבערגיסונגען פאַר שפּאַניע. דער פאַרלאַנג איז גאַנץ גערן באַוויליקט געוואָרן, און דר. בעטיון, מיט דער הילף פון דעם „קאָמיטעט צו העלפן דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע", האָט דעמאָנסטרירט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, אַז בלוט פון מענטשן, וואָס זיינען טויזנטער מײַלן אַוועק פון די שלאַכטן, קען אָנגעזאַמלט און פּרעזערווירט ווערן און ענדלעך גענוצט ווערן אויפן שלאַכטפעלד צו ראַטעווען די לעבנס פון פאַרוואונדעטע.

די רעגירונג האָט פאַרבאָטן קאַנאַדער צו דינען אין דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנער אַרמיי און האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויף יעדן איינעם, וואָס האָט געראַטן קאַנאַדער אַזוי צו טאָן. טראָץ דער דאָזיקער אַנטי־

יוניאָן סטעישאָן, טאָראָנטאָ, ווען טים באַק האָט זיך אומגעקערט קיין קאַנאַדע פון שפּאַניע, דעצעמבער 1936. רעכטס פון טים באַק איז אָלדערמאַן נאָרמאַן פריד. הינטער נאָרמאַן פריד (פון רעכטס) איז דיק סטיל, איינער פון די בעסטע יונגע קאָמוניסטן און טרעיד יוניאָן פירער, וועלכער איז צוזאַמען מיט מוני ערליך געפאַלן אין די שלאַכטן פון דער קאַנאַדער אַרמיי קעגן די נאַצי־אַרמייען אין מערב־אייראָפּע, באַלד נאָך דער דערעפענונג פון דעם צווייטן פראָנט.

דעמאָקראַטישער שטעלונג פון דער רעגירונג האָט דער אידעאַליזם און די פאַרשטענדעניש וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דעם וועלט־קאַמף פאַר מענטשלעכן פּראָגרעס אָנגערעגט 12 הונדערט מיטגלידער פון דער קאַנאַדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און יאָנג קאָמוניסט ליג צו אָנשליסן זיך און קעמפן אין די רייען פון דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע. די דאָזיקע קאַנאַדער יונגע־לייט, מיט טים באַק רוף צו קאַמף קלינגענדיק אין זייערע אויערן, האָבן זיך געדאַרפט דורכשלאָגן אַ וועג צו פראַנקרייך, דורך פראַנקרייך און דורך די שמאָלע שלענגלענדיקע סטעזשקעס אין די פּירענייען־בערג צו שפּאַניע, אומלעגאַל, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעכן. דעם צוזאָג, וואָס זיי האָבן געגעבן זייער פירער טים באַק, האָבן זיי פול־שטענדיק געהאַלטן. דעם פאַראייניקטן פראָנט פון פאַשיסטן און אַפּיזערס איז געלונגען פאַרצושטעלן די קעמפערישע פאַרטיידיקונג פון דעמאָקראַטיע ווי אַ פאַרברעכן קעגן געזעץ. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען זיינען די קאַנאַדער וואָלונטירן געגאַנגען קיין שפּאַניע, געקעמפט, אָוועקגעגעבן זייערע לעבנס און באַדעקט זייערע נעמען מיט אייביקער ערע. איינער פון די סאַמע שטאָלצע, הערלעכע קאַפּיטלען, געשריבן מיט דעם בלוט אויף די ברוינע בערגלעך פון שפּאַניע, איז דער קאַמפּס־רעקאָרד פון דעם מעקענזי פּאַפּינאָ באַטאַליאָן, פון די קאַנאַדער וועלכע האָבן דעם באַטאַליאָן צוזאַמענגעשטעלט.

באַקעמפט די פאַררעטערישע שטעלונג פון דער סי. סי. עף.

דער קאַמף אין קאַנאַדע צו מאָביליזירן שטיצע פאַר דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע באַצייכנט איינעם פון די פּעריאָדן פון שאַרפסטן קאָנפליקט צווישן די קאָמוניסטן און דער סי. סי. עף. די קאָמוניסטן, מיט טים באַק אַלס זייער פירער, האָבן באַטראַכט דעם קאַמף אין שפּאַניע ווי זייער אייגענעם קאַמף און ווי דעם קאַמף פון אַלע דעמאָקראַטישע קאַנאַדער — אַ קאַמף, וואָס איז פּונקט אַזוי אין די אינטערעסן פון דעם קאַנאַדער פאָלק ווי פון דעם שפּאַנישן פאָלק. אונטער דער פירערשאַפט פון טים באַק האָבן די קאָמוניסטן אריינגעוואָרפן אַלע כוחות פון זייער פּאַרטיי אין דעם דאָזיקן קאַמף. זיי האָבן אַפּעלירט צו יעדער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע צו באַטייליקן זיך אין דער גרויסער אָנשטרענגונג. ווי טים באַק האָט אָנגעוויזן אין זיין רעדע אין דער טאָראָנטער מיוטשועל סטריט אַרענאַ פאַר דער 10־טויזנט־קעפּיקער פאַרזאַמלונג — עס איז געווען קלאָר פאַר די קאָמוניסטן, אַז וועלט־דעמאָקראַטיע און איר האָפענונג צו בלייבן לעבן איז פאַרטיידיקט געוואָרן מיט דער ביקס אין האַנט אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע. און טאַקע צוליב דעם זיינען באַלדיקע פּאַרטיי־אינטערעסן אונטערגעוואָרפן געוואָרן דער אויפגאַבע פון שאַפן הילף און מער הילף פאַר שפּאַניע.

די פירער פון דער סי. סי. עף. האָבן אָבער אַנדערש רעאַגירט אויף דעם קאַמף אין שפּאַניע. ניט בלויז האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען וועלכן עס איז אָנטייל אין די הילפס־אַקציעס, נאָר זיי האָבן זיך אַפילו אָפּגעזאָגט צו אינדאָרסירן פאָרמעל די קאַמפּאַניעס. נאָכמער, זיי האָבן עפנטלעך חוזק

געמאַכט פון די קאָמוניסטישע באַמיאונגען. לויט זייער פּראָפּאַגאַנדע איז אויסגעקומען, אַז העלפן דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע האָט בלויז געמיינט העלפן דער „סאָוועטישער אויסערן פּאָליטיק". ווי פאַרביסענע שונאים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן די קאַנאַדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער פירערשאַפט פון דער סי. סי. עף. זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פאַררעטערישע אַפּיזערס, די טשעמבערלעינס און זייער פּראָ־פאַשיסטישע „ניט־אינטערווענציע" פּאָליטיק.

דער קאָנפליקט צווישן די קאָמוניסטן און די פירער פון דער סי. סי. עף. האָט זיך פאַרשאַרפט מיט דער פאַרשאַרפונג פון דעם ביטערן און בלוטיקן קאַמף אין שפּאַניע, ווען די פאַשיסטישע כוחות האָבן אָנגעהויבן קריגן די אויבערהאַנט און ווען היטלער האָט אָקופּירט עסטרייך און גענומען וועבן זיין פאַרשווערונג קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער דעמאָקראַטיע. די דאָזיקע אומגליקלעכע געשעענישן האָבן אונטערגעשטראָכן די וואַקסנדיקע דרינגענדיקייט פון אָנגעשטרענגטן און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף. דער צוזאַמענשטויס פון מיינונגען און שטעלונגען האָט דערגרייכט אַ שאַרפע שטופע, ווען דער פאַרשטאָרבענער מר. דזש. ס. וואָודסוואָירט, דער דעמאָלטדיקער פירער פון דער סי. סי. עף., האָט געפּרוּווט פאַרגלעטן און באַרעכטיקן דעם שענדלעכן פאַרראַט קעגן דעמאָקראַטיע, וואָס טשעמבערלעין האָט דורכגעפירט אין מינכען. טים באַק האָט דאַן גערופן די אַרבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדע און אַלע דעמאָקראַטישע מענטשן צו פאַרדאַמען און באַקעמפן די מינכען־פּאָליטיק, צו אויסאַיבן אַ דרוק אויף אונזער אייגענער רעגירונג, אַז זי זאָל צוריקווייזן אַזאַ פּאָליטיק און אַז זי זאָל פּרובירן, אַפילו אין דער „11־טער שעה" אויסצואווירקן אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג.

בשעת וואָודסוואָירט האָט דערקלערט, אַז אין מינכען האָט טשעמבערלעין „געטאָן דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקענט טאָן", האָט טים באַק געוואָרנט די קאַנאַדער אַרבעטער באַוועגונג און די גאַנצע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט, אַז:

„די איינציקע ווירקונג, וואָס עס קען האָבן (דער מינכען־פאַרראַט) איז פאַרשטאַרקן היטלערס כוחות פאַר אַגרעסיע, באַפעסטיקן דעם פאַנאַטישן גלויבן באַ די נאַציס, אַז די גרויסע דעמאָקראַטיעס זיינען אָנגעשראָקן; עס קען בלויז אַרויסרופן אַ צוזאַמענברוך פון דעם גלויבן אין אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, אַז די קליינע מלוכות זאָלן זיך אַרויסגליטשן פון פראַנצויזישן איינפלוס און זאָלן אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם רוים־בערלין אַקס, און עפענען ברייט די טירן פאַר אַן אייראָפּייאישער מלחמה, ווען היטלער וועט זיין אין אַ פיל מער גינסטיקער לאַגע". („קלעריאָן", סעפּטעמבער 22, 1938).

די געשיכטע האָט באַוויזן ווער עס איז געווען גערעכט, צי דער קאָמוניסט טים באַק און זיין מחנה מאַרקסיסטן, אָדער דער סאָציאַל־דעמאָקראַט וואָודסוואָירט און זיינע אָפּאָרטוניסטישע קאָלעגן.

דעצעמבער, 1937, ארלעס, פראנקרייך; נאציאָנאלער צו־זאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין פראנק־רייך, וואו טים באק איז געווען א פראטערנאלער דעלע־גאט פון קאנאדע. פון לינקס צו רעכטס: טים באק, עוואנזשעליסטא קריסאנטאָ, פאָרזיצער פון דער קאָמו־ניסטישער פארטיי פון די פיליפינען. (עוואנזשעליסטא קריסאנטאָ איז געבליבן אין די פיליפינען די גאנצע צייט פון דער מלחמה און אָנגעפירט מיט דעם אונטערערדישן קאמף פון דער פארטיי קעגן די יאפאנעזער. ער איז גע־שטאָרבן מיט עטלעכע חדשים צוריק, זומער 1945). אלעקסאנדער טראכטענבערג, איינער פון די גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון אמעריקע און דער הויפט פון „אינטערנעשאָנאל פאָבלישערס”. וויליאם ז. פאָסטער, לעבנס־לענגלעכער חבר און פריינט פון טים באק און דער איצטיקער נאציאָנאלער פירער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון די פאראייניקטע שטאטן.

טים באַק וואָרנט
וועגן דעם אָנקום פֿון מלחמה

אַזוי שפּעט ווי אין יולי, 1939, האָט טים באַק גערופֿן די דעמאָקראַטישע כּוחות אין קאַנאַדע צו אויסאיבן אַ דרוק אויף דער רעגירונג פֿאַר אַן ענדערונג אין דער אומגליקלעכער פּאָליטיק. אין עפֿנטלעכע רעדעס, איבער דער ראַדיאָ און אין צייטונגס־אַרטיקלען האָט טים באַק אונטערשטראָכן נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דעם פֿאַקט, אַז די וועלט האָט זיך געטראָגן מיט אימפּעט צו דער בלוטיקסטער מלחמה, וואָס, צוליב דער פֿאַררעטערישער מינכען־פּאָליטיק, האָט געדראָעט צו פֿאַרניכטן אינגאַנצן די דעמאָקראַטיע, און צעשטערן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, דאָס זעקסטל פֿון דער וועלט, וווּ דעמאָקראַטיע האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג. טים באַק האָט מיט פּראָפֿעטישן שאַרפֿזין אָנגעוויזן אויף דער פֿונדאַמענטאַלער נויטווענדיקייט פֿון אַ בונד צווישן ענגלאַנד, סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פֿראַנקרייך און די אַנדערע דעמאָקראַטישע מלוכות, וואָס דאָס אַליין קען אָפּשטעלן און צעשמעטערן פֿאַשיסטישע אַגרעסיע. טים באַק האָט כּסדר אונטערשטראָכן, אַז צוריקווייזן אַזאַ פֿאַראייניקונג האָט געמיינט דערמוטיקן פֿאַשיסטישע אַגרעסיע און האָט געדינט ווי אַן אָנדײַטונג צו היטלערן, אַז „אַלץ וועט זײַן כּשורה”, אויב ער וועט נאָר ווענדן זײַן אַגרעסיע צו מזרח, קעגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. צו גלײַכער צײַט האָט טים באַק אָנגעוויזן, אַז די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די פֿאַרכאַפּערישע אַמביציעס פֿון דעם פֿאַשיזם דורך דער אַנטי־סאָוועטישער פּאָליטיק פֿון די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך צו יענער צײַט, וועט פֿירן צו אַ לאַגע וווּ דער פֿאַשיסטישער מאָנסטער וועט זיך פֿאַרנעמען אויף דעם וועג פֿון באַהערשן די גאַנצע וועלט — און דאָס וועט נישט בלויז צעשמעטערן דעם דעמאָקראַטישן לעבנס־שטייגער פֿון די פֿעלקער פֿון דער וועלט, נאָר קען אויך שטעלן אין געפֿאַר די פּאָזיציעס פֿון דער הערשנדיקער בורזשואַזיע פֿון די דאָזיקע לענדער, פֿאַרפּלאָנטערנדיק זיי אין די אייגענע אימפּעריאַליסטישע אינטריגעס צו זייער אייגענעם שאָדן.

ווען דער מינכען־פֿאַרראַט און טשעמבערלעינס עקשנות'דיקער אָפּזאָג צו שאַפֿן דעם נויטיקן בונד מיט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט געבראַכט די אומפֿאַרמײַדלעכע ביטערע פּרוכט און די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, אין סעפּטעמבער, 1939, זײַנען די קאָמוניסטן מיט טים באַק בראש געבליבן געטרײַ זייערע איבערצײַגונגען און זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די טשעמבערלעין פּאָליטיק. זיי האָבן פֿאָרגעזעצט אונטערצושטרײַכן דעם אימפּעריאַליסטישן גרונט־כאַראַקטער פֿון די דעמאָלטיקע וועלט־באַציאונגען און פֿון די אויגנשײַנלעכע אָנשטרענגונגען, וואָס זײַנען דאַן נאָך אַלץ געמאַכט געוואָרן צו פֿאַרקירעווען די מלחמה אויף מזרח קעגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ווײַל טים באַק, דער מאַרקסיסט, דער סאָציאַלער וויסנשאַפֿטלער, האָט קלאָר געזען די ריכטיקייט פֿון דער אָנווײַזונג וואָס דער אומשטערבלעכער לענין האָט געגעבן בנוגע דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פֿון דער מלחמה פֿון 1914־1918, אַז: „די באַשטעטיקונג פֿונעם אמת'ן סאָציאַלן, ריכטיקער, דעם

אמת'ן קלאַסן־כאַראַקטער פון אַ מלחמה איז צו געפינען, נאַטירלעך, ניט אין דיפּלאָמאַטישער געשיכטע פון דער מלחמה, נאָר אין אַן אַנאַליז פון די אָביעקטיווע פּאָזיציעס פון די הערשנדיקע קלאַסן אין אַלע קריג־פירנדיקע לענדער" (לענין, פאָרוואָרט צו דער פראַנצויזישער און דייטשישער אויסגאַבע פון דעם בוך „אימפּעריאַליזם, די העכסטע שטופע פון קאַפּיטאַליזם").

טרעט אַרויס קעגן דער אַנטי־סאָוועטישער מלחמה־היסטעריקע

די דאָזיקע באַמיאונגען צו פאַרקירעווען די מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד—דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם—האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט, ווען די טשעמבערלעינס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן גענומען צוגרייטן אַן אַרמיי פון 100 טויזנט צו שיקן קיין פינלאַנד קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַזאַ מיליטערישע אונטערנעמונג וואָלט געמיינט צונעמען בײַ דער ענגלישער אַרמיי אין פראַנקרייך דאָס ביסל אויסשטאַטונג און אַמוניציע וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט. אַלץ כּדי צו שטאַרקן די אַנטי־סאָוועטישע כּוחות, אַפילו ווען דאָס זאָל געבן היטלערן אַ פרייען וועג צו באַהערשן גאַנץ אייראָפּע און שפּעטער די גאַנצע וועלט.

טים באַק און די אַנדערע פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן דאַן אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער אַנטי־סאָוועטישער מלחמה־היסטעריקע, אָנווייזנדיק אַז פינלאַנד איז אַ פעסטונג פון פאַשיזם און אַז עס איז אין די אינטערעסן פון וועלט־פרידן צו מאַכן די דאָזיקע פאַשיסטישע פעסטונג אומשעדלעך.

אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער שטעלונג, האָט די פירערשאַפט פון דעם קאַנאַדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, די קאָלדוועלס, היפּסעס און אַנדערע, געליאַרעמט מיט אַנטי־סאָוועטיש שוים אויף די ליפּן און וועלטן איינגעלייגט איבער דעם גורל פון דער „קליינער, דעמאָקראַטישער פינלאַנד". די געשיכטע האָט געוויזן ווער עס איז געווען גערעכט. די געשיכטע האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער שטעלונג, וואָס טים באַק און זיינע חברים־קאָמוניסטן האָבן אָנגענומען אויך אין דער פראַגע פון פינלאַנד, וואו דער מערדער מאַנערהיים און דער סאָציאַל־דעמאָקראַט טאַנער (קאָלדוועלס און לואיסעס בוזים־פריינט און פּאַרטיי־גענאָסע וועלכער ווערט איצט גע'משפּט אַלס אַ קוויזלינג) האָבן צוזאַמען קאָנספּירירט קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — דער שטאַרקסטער אַנטי־פאַשיסטישער כּוח"

טים באַק, דער אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט, און זיינע חברים סעם קאַר, לעסלי מאָרים און אַנדערע, האָבן אָנגעוויזן, אַז ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער מיאוס'ער און פאַררעטערישער אַנטי־סאָוועטישער העצע, וועט

נאָך די געשיכטע באַווייזן, אַז דער שטאַרקסטער און אַנטשלאָסנסטער כוח, וואָס וועט דערלאַנגען די גרעסטע קלעפּ דעם פאַשיזם, וועט זיין דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. טים באַק האָט אָנגעוויזן, אַז בלויז ווען דער ענגלישער קאַפּיטאַליזם און דער וועלט־קאַפּיטאַליזם וועלן זיך ענדלעך איבערצייגן, אַז די דייטש־איטאַליעניש־יאַפּאַנישע פאַשיסטישע מלחמה־פאַראייניקונג באַדראָעט זייערע קלאַסן־פּאָזיציעס און אינטערעסן צוגלייך מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייערע פעלקער — ווען זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע מלוכות און די סאָציאַליסטיש־סאָוועטישע מלוכה האָבן אַ געמיינזאַמען שונא צו באַקעמפן — בלויז דאַן וועט קומען צו אַן אַנטי־פאַשיסטישער דערנעענטערונג צווישן די דאָזיקע מלוכות און, פאָלגלעך, צו אַ פאַראייניקונג, און אַז בלויז אַזאַ פאַראייניקונג און געמיינזאַמער קאַמף קען צעשמעטערן אויף שטענדיק די געפאַר מצד דער פאַשיסטישער אַקס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווערט געשטעלט אויסער געזעץ

אָבער די קאַנאַדער רעגירונג, די טעגלעכע פּרעסע און אַלע אגענטורן פון דער קאַנאַדער מלוכה־מאַשין האָבן אַזעלכע געדאַנקען באַטראַכט פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן. דעם 6־טן יוני, 1940, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַ ריי אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס דערקלערט געוואָרן אומלעגאַל. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ געיעג אויף קאָמוניסטן און הונדערטער אַרעסטן זיינען געמאַכט געוואָרן איבער גאַנץ קאַנאַדע.

טים באַק און אַ גרויסע צאָל פון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער האָבן אָנגענומען די נויטיקע מיטלען צו בלייבן אויף זייערע פּאָסטנס און אַרבעטן פאַר אַ נייער לאַגע, ווען די מלחמה זאָל ווערן אַן אמת'ע פּראָגרעסיווע, אַנטי־פאַשיסטישע פּאָלקס־מלחמה, אין וועלכער אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות זאָלן זיין פאַראייניקט און וועלכע זאָל פירן צו דער פאַרניכטונג פון דעם פאַשיזם אין אייראָפּע און אין אַלע אַנדערע לענדער — אַ מלחמה, וואָס זאָל פאַרזיכערן אַ דויערהאַפטן פרידן אויף דער וועלט און אַ ניי לעבן, אין וועלכן עס זאָל קומען צום אויסדרוק די פאָרם און דער אינהאַלט פון אַן אויסגעברייטערטער און דערהויבענער דעמאָקראַטיע.

דאָס טראַגישסטע יאָר אין דער מלחמה

דאָס יאָר 1940־1941 איז געווען דאָס טראַגישסטע יאָר אין דער מלחמה. די מינכען־לייט אין ענגלאַנד, די פּראָ־היטלער עלעמענטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די מלחמה־פּאָליסים פון די רעגירונגען. דער אַנטי־סאָוועטישער עלעמענט האָט נאָך אַלץ געהאַט די אויבערהאַנט אין דער פּאָליטיק פון די דאָזיקע מלוכות. די לעגענדע פון „נאַצישער אומבאַזיגבאַרקייט" האָט נאָך באַהערשט די מוחות פון די פעלקער און האָט אַריינגעבראַכט אומבאַהאָלפנקייט, צעטומלעניש, מאָראַ־לישע באַדריקטקייט צווישן די מיליאָנען דורכשניטלעכע מענטשן אין דער

וועלט. היטלער האָט באַזיגט פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, נאָרוועגיע. היטלער האָט צעשמעטערט יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד. דער נאַציזם האָט באַהערשט גאַנץ אייראָפּע און גענומען רײדן וועגן איינשטעלן זיין „נייע אָרדענונג", פּונקט ווי די מלחמה זאָל שוין געווען זיין א געוואונענע פאַר דעם פאַשיזם.

גרויס האָפענונג האָט היטלער געלייגט אויף זיין פינפטן קאָלום אין די הערשנדיקע קרייזן פון די דעמאָקראַטישע לענדער. ער האָט געזען פאַר זיך די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זיין „חלום" פון באַהערשן די וועלט און פאַרשקלאַפן די מענטשהייט. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן איין גרויס לאַנד, וואו דער פאַשיסטישער פינפטער קאָלום איז שוין פון פריער געווען אויסגערייניקט, וואו דער פאַשיזם האָט נישט קיין שום אָנהאַלט און קיין פריינט, וואו די געזעלשאַפטלעכע סיסטעם איז דער פול־שטענדיקער היפוך צו פאַשיזם און וואו עס איז קיינמאָל ניט געווען און וועט קיינמאָל ניט קענען זיין קיין געמיינזאַמע אינטערעסן מיט דעם פאַשיזם —דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. היטלער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד נוצט אויס די צייט פון דעם ניט־אָנגריף אָפּמאַך — וועלכער איז קיינמאָל ניט געווען מער אָדער עפּעס אנדערש ווי דאָס — צו באַוואָפענען זיך און זיין צוגעגרייט, ווען נויטיק, צו באַגעגענען יעדן אָנפאַל, פון וועלכן ווינקל ער זאָל ניט קומען. היטלער און זיין פאַשיסטישע כנופיה האָט איינגע־זען, אַז די צעשטערונג פון זיין פאַשיסטישער פעסטונג אין פינלאַנד דורך דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; דער אָפּמאַך פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געשלאָסן מיט יוגאָסלאַוויע בלויז עטלעכע געציילטע טעג איידער היטלער איז אָנגעפאַלן אויף יענעם לאַנד; די שטילע אָבער זייער וויכטיקע הילף, וואָס איז פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געשיקט געוואָרן צו גריכנלאַנד, און די דיפּלאָמאַטישע שריט צו א דערנענטערונג מיט ענגלאַנד אונטער מששווירטשילן — אַז דאָס אַלץ האָט ארויסגעבראַכט פאַר דער גאַנצער וועלט די אויסגעשפּראָכענע אַנטי־פאַשיסטישע פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מלוכה, וואָס איז געווען געריכטעט קעגן די מלחמה־פלענער פון דער פאַשיס־טישער אקס און קעגן דער פאַררעטערישער פּאָליטיק פון די מינכען־לייט אין אַלע אנדערע לענדער. היטלער, גערינג און די אנדערע פון זייער כנופיה האָבן איינגעזען, כדי צו פאַרזיכערן די פאַרווירקלעכונג פון דעם שווינדלערלעכן פּלאַן פון נאַצישער וועלט־הערשאַפט, מוזן זיי צעשמעטערן דעם כוח, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די שטאַרקסטע געפאַר פאַר זייער הערשאַפט, — זיי מוזן באַזיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איידער די דאָזיקע מעכטיקע סאָציאַליסטישע מלוכה וועט צו שטאַרק פאַר זיי. היטלער האָט אויסגערעכנט, אַז פּונקט ווי עס איז נויטיק פאַר אים צו מאָביליזירן די אינדוסטריעלע קראַפט פון גאַנץ אייראָפּע, כדי צו קענען האָפן אויף א זיג איבער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי איז פאַר אים געווען נויטיק צו פאַרכאַפּן און באַהערשן די אומגעהויער־גרויסע אינדוסטריעלע רייכטימער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי צו קענען דערפאָלגרייך דורכפירן זיין מלחמה פאַר דער באַהערשונג און פאַרשקלאַפונג פון דער גאַנצער וועלט. דעם 22־טן יוני, 1941, האָט היטלער אָנגעהויבן זיין מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

טים באק קלערט אויף דעם
נייעם כאַראַקטער פון דער מלחמה

טים באק און זיינע חברים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן דאָן דערקלערט, אַז די מלחמה האָט אָנגענומען אַ גאַנץ נייעם כאַראַקטער, אַז די כוחות־פאַרהעלטעניש אין דער וועלט האָבן זיך געביטן, אַז די אַנטי־פאַשיסטישע מלוכות האָבן זיך פאַרנומען אויף דעם וועג פון געמיינזאַמען מיליטערישן קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער אַקס, אַז דער דואַליזם אין דער פּאָליטיק פון די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע מלוכות (קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן דער פאַשיסטישער אַקס צו גלייכער צייט) איז אונטערן דרוק פון געשעענישן און אומשטענדן אָפּגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט און אַז די מלחמה איז געוואָרן איינס און אומצעטיילבאַר — אַן אַנטי־פאַשיסטישע פאָלקס־מלחמה. אונטער דער פירערשאַפט פון טים באק האָבן די קאָמוניסטן צעוויקלט אַ שטאַרקע באַוועגונג צו העלפן מאָביליזירן יעדן דעמאָקראַטישן כוח אין לאַנד, צו פאַרשטאַרקן די מלחמה־באַמיאונגען פון אַלע שיכטן אין דעם קאַנאַדער פאָלק און צו אָפּשאַפן יעדע שטערונג צו נאַציאָנאַלער אַנטי־פאַשיסטישער איינִיקייט. די „קאָמוניסט־לעיבאָר טאָטאַל וואָר קאָמיטע" איז איינגעשטעלט געוואָרן. עס איז צעוויקלט געוואָרן אַן אַקציע פאַר דער באַפרייאונג פון די אינטערנירטע קאָמוניסטן און פאַר דער לעגאַליטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין קאַנאַדע. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די קאַנאַדער רעגירונג האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעטרייסלט פון זיך די פּאָליסי פון פאַרפאָלגן קאָמוניסטן, האָט אָבער טים באק פאַרשטאַנען, אַז צוליב דער געענדערטער לאַגע אין דער וועלט, צוליב דעם נייעם קורס וואָס די מלחמה האָט אָנגענומען און צוליב דער נייער מעכטיקער כוואַליע פון באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע מאַסן אין קאַנאַדע פאַר דער אַנטשלאָסענער מלחמה קעגן היטלערן — אַז דאָס אַלץ וועט מוזן ענדערן די כוחות־פאַרהעלטענישן אויך אין קאַנאַדע און דעם פּאָליטישן קורס פון אונזער רעגירונג. טים באק, זיין נאָענטער מיטאַרבעטער סעם קאַר און די אַנדערע קאָמוניסטישע פירער האָבן גענומען מאָביליזירן די טויזנטער קאָמוניסטן איבערן לאַנד און זייערע נאָכפאָלגער פאַר דער מאַקסימאַלער אָנשטרענגונג און דעם גרעסטן ביישטייער צו די מלחמה־באַמיאונגען — אין די פאַבריקן, אויף די פאַרמס, אין די באַוואָפנטע כוחות פון אונזער לאַנד.

די ניי־געשאַפענע לאַגע אין דער וועלט, דער ענטוזיאַזם און קרבנות־גרייטקייט, מיט וועלכע די טויזנטער קאָמוניסטן אונטער דער פירערשאַפט פון טים באק האָט זיך אַריינגעטאָן אין די מלחמה־באַמיאונגען פון אונזער לאַנד, און די מאַסן־פאָדערונג צו אָנערקענען די גרויסע ראָל, וואָס די קאָמוניסטן, די ביטערסטע שונאים פון פאַשיזם, שפּילן אין דער מלחמה, האָט באַווירקט די קאַנאַדער רעגירונג צו ענדערן איר שטעלונג אויך בנוגע דעם סטאַטוס פון די קאַנאַדער קאָמוניסטן. נייע פאַרהערן זיינען געגעבן געוואָרן די אינטערנירטע קאָמוניסטן. קיין נייע אַרעסטן זיינען ניט געמאַכט געוואָרן. צוביסלעך זיינען די קאָמוניסטן אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון די טורמעס און אינטערנירונגס־לאַגערן. טים באק און די אַנדערע קאָמוניסטישע

פירער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און קעגן וועמען עס זיינען געווען אַרעסט־וואַראַנטס, האָבן זיך אויפגעגעבן, זיינען פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַר אַ רעגירונגס־קאָמיסיע און נאָך אַ פאַרהער זיינען זיי פריי־געלאָזן געוואָרן.

פאַרמולירט דעם געדאַנק פון אַ נייער פּאַרטיי פון קאָמוניסטן

דאַן זיינען די מעגלעכקייטן פאַר די קאָמוניסטן געוואָרן נאָך גרעסער, ניט בלויז צו פאַרשטאַרקן זייער דירעקטן ביטראָג צו דער מלחמה, נאָר אויך און אין אַ גלייכער מאָס באַווירקן די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין לאַנד און די אויסערן פּאָליטיק פון קאַנאַדע. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז אויב די קאַנאַדער רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צו לעגאַליזירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די אַנטי־קאָמוניסטישע פאָראורטיילן, וואָס זיינען איינגעפלאַנצט גע־וואָרן אין די מוחות פון גרויסע טיילן פון דער קאַנאַדער באַפעלקערונג זאָלן קענען אָנהאַלטן אויף ווייטער, וועט דער ביטראָג פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ווי פון דער אַרבעטערשאַפט בכלל ניט קענען זיין פולקאָם און גענוג ווירקזאַם, און די נאַציאָנאַלע איינאיקייט פאַר דער מעגלעכסט־גרעסטער מלחמה־אָנשטרענגונג וועט געשטערט ווערן. און טים באַק האָט דאַן גענומען ערנסט טראַכטן וועגן אַ נייער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל צונעמען בײַ די רעאַקציאָנערן דעם וואָפן פון אַנטי־קאָמוניזם, זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער פולשטענדיק־נייער פּאָליטישער לאַגע אין דער וועלט און זאָל אין דער זעלבער צייט געבן די קאָמוניסטן די פולע מעגלעכקייט צו אַרבעטן אָפן, אומגעשטערט, ווי אַן אָרגאַניזירטער, פאַראייניקטער פּאָליטישער כוח.

אַרויסגייענדיק אויך פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די קאָמוניסטן האָבן ניט קיין אַנדערע אינטערעסן ווי די אינטערעסן פון אַרבעטער קלאַס און פון דעם גאַנצן פאָלק, און אַז די אויפגאַבע פון באַזיגן דעם פאַשיזם מיליטעריש און פּאָליטיש אין דער מעגלעכסט־קירצעסטער צייט דערלויבט ניט צו פאַר־שווענדן ענערגיע אין אַ קאַמף פאַר דער לעגאַליטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס אַזאַ קאַמף וואָלט געהאָלפן פאַרטיפן די צעטיילונג אין לאַנד אַנשטאָט בויען די נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטישע איינאיקייט — אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנד־פּונקט האָט טים באַק, צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, אָנגענומען דעם געדאַנק פון אָרגאַניזירן אַ נייע פּאַרטיי.

די קאַנאַדער קאָמוניסטן, מיט טים באַק בראש, זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך באַווירקט געוואָרן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון יענער צייט. באַטש צווישן די אַליאירטע האָט געהערשט מיליטערישע אַנטשלאָסנקייט צו באַזיגן די היטלער־אַרמייען, האָט אָבער געפעלט צווישן זיי די פּאָליטישע קלאָרקייט און פאַרשטענדעניש, און דאָס האָט זייער פיל געשטערט די פאַקטישע מיליטערישע אָפּעראַציעס. די סטראַשידלע, מיט וועלכער היטלער און זיינע קווויזלינגס אין ענגלאַנד, אין די שטאַטן, אין קאַנאַדע און אין אַנדערע לענדער, האָבן געשראָקן די וועלט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וויל „באָלשעוויזירן" גאַנץ אייראָפּע, האָט געפאָדערט דרייסטע שריט, כדי די איינאיקייט צווישן די אַליאירטע זאָל נישט צעשטערט ווערן און כדי פּאָליטישע

שטערונגען זאָלן ניט דארפן שטיין אין וועג פון אַנטוויקלען גרויסע אַנגריף־אָפּעראַציעס קעגן די פאַשיסטישע אַרמייען אין אייראָפּע, כדי דער צווייטער פראָנט זאָל געעפנט ווערן און די מלחמה זאָל פאַרקירצט אַנשטאָט פאַר־לענגערט ווערן.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אויפגעלייזט. סטאַלין האָט דאַן דערקלערט, אַז דער דאָזיקער שריט „דעקט אויף דעם ליגן פון די היטלעריסטן, אַז מאָסקווע האָט כלומר׳שט בדעה זיך אַריינצומישן אין דעם לעבן פון די אַנדערע מלוכות און זיי „באָלשעוויזירן״. אַ סוף איז געמאַכט געוואָרן צו דעם דאָזיקן ליגן״. סטאַלין האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די אויפלייזונג פון קאָמינטערן, אונטער די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען „העלפט דער אַרבעט פון די פּאַטריאָטן אין די פרייהייטס־ליבנדיקע לענדער צו פאַראייניקן די פּראָגרעסיווע כוחות אין זייערע געגעבענע לענדער, אָפּגעזען פון פּאַרטיי אָדער רעליגיעזן גלויבן, אין איין איינציקן לאַגער פון נאַציאָ־נאַלער באַפרייאונג — פאַר דעם אויפשטייגנדיקן קאַמף קעגן פאַשיזם״.

קאָנפערענץ צו גרינדן נייע פּאַרטיי

אויפן רוף פון טים באַק זיינען זיך דעם 13־טן יוני, 1943, צוזאַמענ־געקומען אין טאָראָנטאָ קאָמוניסטישע פירער פון גאַנץ קאַנאַדע בײַ אַ קאָנפערענץ, וואו טים באַק האָט פאָרגעשלאָגן דעם פּלאַן צו גרינדן אַ נייע פּאַרטיי פון די קאַנאַדער קאָמוניסטן. די קאָנפערענץ האָט גוטגעהייסן דעם פאָרשלאַג פון דעם קאָמוניסטישן פירער. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נאַציאָ־נאַלער איניציאַטיוו־קאָמיטעט מיט טים באַק אַלס פּאָרזיצער צו פאַררופן אַ גרינדונגס־צוזאַמענפאָר, וואו עס זאָל איינגעשטעלט ווערן די נייע פּאַרטיי. מיט צען וואָכן שפּעטער, דעם 21־טן און 22־טן אויגוסט, 1943, איז אין טאָראָנטאָ פאָרגעקומען דער גרויסער און באַגייסטערטער צוזאַמענפאָר, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די נייע פּאַרטיי פון קאָמוניסטן — די לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי.

בײַ דער איניציאַטיוו־קאָנפערענץ, דעם 13־טן יוני, 1943, אין טאָראָנטאָ, האָט טים באַק אָנגעוויזן אויף די היסטאָרישע פליכטן, וואָס ליגן אויף די קאַנאַדער קאָמוניסטן, ווי אויף דער גאַנצער דעמאָקראַטישער מחנה אין לאַנד. אַנאַליזירנדיק דעם האָפענונגספולן קער אין דער מלחמה און די נייע פּאָלי־טישע לאַגע אין דער וועלט און אין קאַנאַדע, האָט טים באַק, מיט דער פולער איבערצייגונג פון אַ מאַרקסיסט און אַ קעמפער פאַר סאָציאַליזם, אָנגעוויזן אַז קאַנאַדע דאַרף האָבן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי פון קאָמוניסטן. ער האָט זיין שלוס־רעדע בײַ דער קאָנפערענץ פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אויפגעלייזט. די קאָמוניסטן אין קאַנאַדע, ווי אין די אַנדערע לענדער, האָבן איצט ניט קיין שום אינטער־נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט און אונזערע צילן און פאָרשלאָגן זיינען אַזעלכע, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון די נויטן און שטרעבונגען פון דעם קאַנאַדער פאָלק. מיר זיינען פלייש און בלוט פון דעם קאַנאַדער פאָלק. מיר קעמפן פאַר אונזערע געמיינזאַמע אינטערעסן. עס איז אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן

פון קאַנאַדע, אַז די קאָמוניסטן זאָלן שפּילן זייער פולע ראָל אין דער דעמאָ־קראַטישער אויספאָרמירונג פון דעם לעבן אין אונזער לאַנד.

„מיר ווערן ניט אויפגעפאָדערט ניט פון דער געשיכטע, ניט פון די געזעצן פון קאַנאַדע און אויך ניט פון די אינטערעסן פון אונזערע קאַנאַדער מיטבירגער צו אויפגעבן אונזערע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען, אָדער דעם שטאָלצן היסטאָרישן נאָמען, צו וועלכן די דאָזיקע איבערצייגונגען גיבן אונז דאָס רעכט. קאַנאַדער קאָמוניסטן האָבן געקעמפט פאַר די דאָזיקע איבערצייגונגען. אויף דער עפנטלעכער פּלאַטפאָרם, אין די סיטי קאָונסילס, אין די טרעיד יוניאָנס און אין די פאַבריקן, אין די באַוועגונגען פון די אַרבעטלאָזע, אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע צו פּאַרטיידיקן דעמאָ־קראַטיע, אין דער פּלעביסציט־קאַמפּאַניע, אין דעם קאַמף פאַר פּראָדוקציע — אומעטום האָבן די קאָמוניסטן פאַרטיידיקט די איבערצייגונגען, וואָס זיי האַלטן אַזוי טייער.

„מיר זיינען קאָמוניסטן. מיר האָבן אונזער ראָל צו שפּילן און אונזער בייטראָג צו מאַכן פאַר געווינען די מלחמה און פאַר דעם אויפבוי פון קאַנאַדע. מיר קענען די דאָזיקע ראָל שפּילן פולקאָם בלויז דאַן ווען מיר זיינען פריי פאָרצוברענגען און עפנטלעך קעמפן פאַר אונזערע פאָרשלאָגן און פּאָליסים אין יעדער פראַגע, וואָס איז נוגע קאַנאַדע.

„מיר וועלן אַרויסטרעטן אויף דער אַרענע פון געזעלשאַפטלעכע ענינים, ווי אַן עפנטלעכער פּאָליטישער כוח און נעמען אויף זיך די אחריות׳ן וואָס די מלחמה און די געשיכטע לייגט אַרויף אויף אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן. מיר וועלן פאַראייניקן אונזערע כוחות אין איין מעכטיקער אַל־קאַנאַדישער פּאַרטיי, דורך וועלכער קאַנאַדער קאָמוניסטן זאָלן שפּילן זייער פולע און באַרעכטיקטע דעמאָקראַטישע ראָל אין אויספורעמען דעם גורל פון אונזער רייך און געליבט לאַנד".

בא דעם צוזאַמענפאָר דעם 21־טן און 22־טן אויגוסט, 1943, צו גרינדן די לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי, האָט טים באַק, דער איניציאַטאָר פון דעם צוזאַמענפאָר, געשפּילט די הויפּט־ראָל. אויף זיין רוף זיינען זיך צונויפגע־קומען אַרום 700 דעלעגאַטן פון אַלע פּראָווינצן פון לאַנד — אין אַרבעטער־קליידער און אין סאָלדאַטסקע אוניפאָרמען; טרעיד יוניאָן פירער און פאַבריק־אַרבעטער; זשורנאַליסטן און מוזיקער; שרייבער און וויסנשאַפטלער; פּראָפע־סיאָנאַלן און אַרבעטער־פּאָליטיקער; שטאָטישע ראַטמענער און פּאַרלאַמענט־מיטגלידער — מענטשן פון קולטור און מאַרקסיסטישן וויסן, אויסגעפּרוּווטע פרייהייט־קעמפער, פאָרשטייער פון אַלע פאָלקס־שיכטן אין דער פיל־פעלקער־לעכער קאַנאַדע. און כאָטש די גרויסע מערהייט פון די דעלעגאַטן איז באַ־שטאַנען פון ענגלענדער און פראַנצויזן, זיינען באַם צוזאַמענפאָר אויך געווען אוקראַאינער און אידן, פּאָליאַקן און יוגאָסלאַוון, אינדיער און טשעכאָסלאָ־וואַקן — אַ הערלעכע פאַרברידערונג פון זין און טעכטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן מיט דער גרינדונג פון דער נייער פּאַרטיי זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון פאַראייניקטן קאַמף פאַר דער פאַרווירק־לעכונג פון די שענסטע אידעאַלן פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

ווען טים באק איז דערוויילט געוואָרן פאַר דעם נאַציאָנאַלן פירער

און ווען עס איז געקומען צו דערוויילן א נאציאָנאַלן פירער פון דער נייער פּאַרטיי, האָט גאָר קיינער פון די דעלעגאַטן ניט געקענט טראַכטן אפילו פון א וועלכן עס איז אנדערן אויסוואַל, ווי טים באק — די שענסטע פּערזענלעכקייט, וואָס דער קאַנאַדער אַרבעטער קלאַס האָט דערצויגן און אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטישן פאָרשריט. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך די פּראַכטפולע, טיף־רירנדיקע און עכט־אויפריכטיקע ווערטער פון דעם יונגן קאָמוניסטישן פירער לעסלי מאָריס, ווען ער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם צו נאָמינירן דעם נאַציאָנאַלן פירער פון דער פּאַרטיי.

„וואָס פאַר א מענטש דאַרף זיין דער פירער פון אונזער פּאַרטיי?" — האָט לעסלי מאָרים געפרעגט.

„ער דאַרף זיין א מענטש פון פאָלק און זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווייל ווי אַן אמת'ער פאָלקס־פירער פאַרקערפּערט ער אין זיך דעם גייסט פון דעם פאָלקס־מענטש. ער דאַרף זיין א קעמפער, וועלכער איז אויסגעפּרוווט געוואָרן אינעם פייער פון קאַמף, אין די שלאַכטן קעגן שונא. דער מענטש, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געוואַקלט אין זיין אומענדלעכער איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פון פאָלק, אפילו אין די שטונדן און די טעג און אין די לאַנגע יאָרן פון תפיסה, גלות און אונטערערדישן לעבן. ער דאַרף זיין א מענטש, וועלכער ווייסט פון ליידן, אָרעמקייט, א מענטש וועלכער ווייסט וואָס עס מיינט צו לעבן אויף הונגער־שכירות, אַרבעטנדיק אין א פאַבריק. א מענטש, וועמען עס איז באַקאַנט די פשוט'ע פאַרגעניגנס פון דעם אָרעמאַן, א מענטש וועלכער ווייסט וואָס עס מיינט צו זיין אַרבעטלאָז, א מענטש וועלכער ווייסט פון זיין אייגענער דערפאַרונג וואָס אונזערע פאָלקס־מאַסן האָבן אויסצושטיין. ער דאַרף זיין א מענטש מיט טיפע מענטשלעכע געפילן און מיט א ברייט האַרץ.

„ער דאַרף זיין א מענטש מיט דערפאַרונג, וועלכער האָט דורכגעמאַכט פילע, פילע יאָרן פון טרעיד יוניאָן אַקטיוויטעט, אין די צייטן ווען עס איז ניט געווען אזוי פשוט ווי עס איז איצט צו זיין א מיטגליד פון א טרעיד יוניאָן — עס האָט געמיינט דער שוואַרצער צעטל און פאַרלירן דעם דזשאָב. ער דאַרף זיין א מענטש, וועלכער איז געקומען צו דער אַרבעטער באַוועגונג דאַן, ווען די באַוועגונג איז נאָך ניט געווען ווי זי איז איצט — א וואַקסנדיקע מאַכט — נאָר אַן אַרבעטער־באַוועגונג פון די ערשטע צייטן און פון די שווערע טעג אין אונזער יונגן לאַנד.

„ער דאַרף זיין א מענטש, וועלכער איז איבערגעגעבן צו זיינע פּרינציפּן און האָט קיין מורא ניט צו קעמפן פאַר זיי. ער דאַרף זיין א מענטש, וועלכער שטעלט זיינע פּרינציפּן העכער פון אַלץ.

„ער דאַרף זיין א באַשיידענער מענטש, וועלכער הערט זיך צו צום וואָרט פון יעדערן, און ער הערט אָפּט מער ווי ער רעדט. א באַשיידענער מענטש, פּונקט ווי די פאָלקס־מענטשן זיינען באַשיידן, וואָס וועט ניט זוכן

צו פאַרכאַפּן קיין „פרעמדע טעריטאָריע" צוליב זיינע אייגענע אַמביציעס.

„ער דאַרף זיין אַ מענטש, וועמען קיינער קען ניט קאָרופּטירן און קיינער קען אים ניט צונעמען פון דעם, צו וואָס ער איז איבערגעגעבן.

„ער דאַרף זיין אַ שעפערישער מענטש, וועלכער טוט שעפערישע אַרבעט, און די שווערסטע זאַך צו טאָן איז שאַפן פּאָליסיס פאַר מענטשן. אַרבעטן מיט מענטשן איז די שווערסטע שעפערישע אַרבעט. מענטשן האָבן מענטשלעכע איינגעשאַפטן. זיי זיינען ניט געמאַכט פון ליים. ער דאַרף דעריבער זיין אַ מענטש מיט שעפערישע פּיאַקייטן, אַ מענטש מיט פאָרשטעלונגס־קראַפט. ער דאַרף זיין אַ פּראַקטישער מענטש, וועלכער פאַרשטייט דעם גאַנג פון די גרויסע געשעענישן און אויך די פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע נויטן, וועלכע זיינען ניט ראָמאַנטיש, אָבער וועלכע זיינען דער תמצית פון יעדער אָרגאַניזאַציע. אַ מענטש וועלכער איז פּונקט אַזוי אין דער היים אין וואַנקואווער ווי אין קעיפּ ברעטאָן; אַ מענטש וועלכער איז אין דער היים צווישן מיטלקלאַס מענטשן פּונקט ווי ער איז אין דער היים צווישן אַרבעטער.

„איך וויל היינט נאָמינירן אָט דעם גרויסן קאַנאַדער, וועלכער איז דער קעמפער פאַר די אַרבעטער־מאַסן; דער שטאַטסמאַן, וועלכער איז דער סאַמע בעסטער בא אונז אין לאַנד.

„איך וויל נאָמינירן טים באַק'ן!"

אַ שטורמישע אָוואַציע האָט באַגעגנט די נאָמינאַציע. מיט באַגייסטער־רנדיקער איינשטימיקייט איז טים באַק 'דערוויילט געוואָרן פאַר דעם נאַציאָנאַלן פירער פון דער לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי.

טים באַק שאַפט פּאָליסיס פאַר
איינקייט פון אַלע קאַנאַדער דעמאָקראַטן

עס איז ערשט עטוואָס מער ווי 2 יאָר זינט די לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי איז געקומען צום לעבן און אונטער דער אומדערמידלעכער פירערשאַפט פון טים באַק איז זי געוואָרן אַן אָנערקענטער פּאָליטישער אַרבעטער כּוח. די פּאַרטיי איבט אויס גרויסן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון געשעענישן אין אונזער לאַנד לטובת פּראָגרעסיווע פּאָליסיס, וואָס די פּאַרטיי ברענגט פאָר, אָבער וואָס זיינען ניט פון אַן ענג־פּאַרטייאישן כאַראַקטער און ציל, נאָר פאַרטרעטן די קלאַסן־אינטערעסן און די באַלדיקע נויטן פון די קאַנאַדער אַרבעטער־שיכטן — פּאָליסיס, אַרום וועלכע עס קענען זיך פאַראייניקן אַלע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף דעם דעמאָקראַטישן לאַגער — אַלע וואָס ווילן זען אַ פאַרשטאַרקונג פון דער איינקייט צווישן די מלוכות וואָס האָט געבראַכט די מיליטערישע און מאָראַליש־פּאָליטישע מפּלה פון דעם נאַציזם און וואָס ס'איז נויטיק כּדי צו פאַרווירקלעכן אַ דויערהאַפטן שלום און אַ פריי, געזיכערט און זעלבסטשטענדיק לעבן פאַר אַלע פעלקער, קליין אָדער גרויס.

אין דעם יאָר 1944, — דאָס ערשטע יאָר פון לעבן און ווירקונג פון דער לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי—האָט טים באַק, ווי דער נאַציאָנאַלער פירער פון דער נייער פּאַרטיי, נאָכגעפאָרשט די גרויסע געשעענישן אין דער וועלט און געפּרוווט שאַפן אַזעלכע פּאָליסיס, וואָס זאָלן אויסדריקן דעם פּראָ־

גרעסיוון גייסט פון די דאזיקע געשעענישן און דורך וועלכע קאנאדע זאל קענען פארנעמען איר ווירדיקן פלאץ אין דער וועלט, מיטגייענדיק מיט אלע דעמאקראטישע כוחות אין אלע לענדער אויף דעם וועג פון פראגרעס, צווישנפעלקערלעכער פריינטשאפט און זיכערקייט.

במשך פון יענעם יאר זיינען פארגעקומען די היסטארישע קאנפערענצן פון די עלאים אין מאסקווע און טעהעראן. עס זיינען באזייטיקט געווארן די פאליטישע שוועריקייטן, וואס האבן געשטערט און ניט דערלאזט די גרויסע אנגריף־אקציעס קעגן דעם פאשיסטישן אקס. איטאליע איז ארויסגעשטויסן געווארן פון דער מלחמה אלס שותף פון היטלערן. די נאצישע ארמייען זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון סאוועטישער טעריטאריע. עס איז געעפנט געווארן דער צווייטער פראנט און פראנקרייך איז באפרייט געווארן. רומעניע, פינלאנד און בולגאריע זיינען געצוואונגען געווארן צו פארלאזן היטלערן און שאפן שלום מיט די אליאירטע. נייע רעגירונגען זיינען איינגעשטעלט געווארן אין א ריי לענדער, ווי איטאליע, פראנקרייך, רומעניע, יוגאסלאוויע און אנדערע — רעגירונגען, וואס שטעלן מיט זיך פאר די דעמאקראטישע פאראייניקונג (קאאליציע) פון אלע שיכטן און פאליטישע גרופירונגען אין די דאזיקע לענדער. אין די רעגירונגען באטייליקן זיך קאמוניסטן, וועלכע ווערן איצט אנערקענט אלס איינער פון די ווירקזאמסטע און קאנסטרוקטיווסטע כוחות אין איראפע. טים באקס פריינט און פארטיי־חברים, די קאמוניסטן אין יוגאסלאוויע און פראנקרייך, רומעניע און טשעכאסלאוואקיע, פוילן און גריכנלאנד, שוין אפגערעדט פון דער מעכטיקער רויטער ארמיי און די סאוועטישע פעלקער, אונטער דער פירערשאפט פון דעם גרויסן סטאלין און זיינע חברים־קאמוניסטן, זיינען אנערקענט אלס די אנטשלאסנסטע און געטרייסטע אנטי־פאשיסטישע קעמפער, וואס האבן דערלאנגט די אנטשיידנדיקע קלעפ דעם פאשיזם.

די קאנאדער קאמוניסטן, וועלכע האלטן שטענדיק טייער דעם רוף פון זייער פירער טים באק, האבן זיך אנגעשלאסן אין דער קאנאדער ארמיי, האבן זיך העלדיש געשלאגן אויף די שלאכט־פעלדער פון פראנקרייך און איטאליע, יוגאסלאוויע און בורמא, און א גרויסע צאל פון זיי האט אוועקגעגעבן דאס לעבן אין די שלאכטן, אנדערע האבן געקראגן מעדאלן פאר העלדישקייט.

אנערקענענדיק די היסטארישע ענדערונגען, וואס די קאמוניסטן אין איראפע האבן געהאלפן שאפן און וואס גיבן די פארזיכערונג פון א דעמאקראטישער פראגרעסיווער פאלקס־ארדענונג אין די איראפעאישע לענדער, און ווי א פראקטישער קאנאדער ארבעטער־פאליטיקער, אנאליזירנדיק די אקטועלע פאליטישע לאגע אין אונזער אייגן לאנד, אין 1944, איז טים באק ארויסגעקומען מיט דעם לאזונג פון א דעמאקראטישער קאאליציע, וואס זאל אויסדריקן די געמיינזאמקייט פון אינטערעסן און האנדלונגען פון אלע דעמאקראטישע, אנטי־פאשיסטישע שיכטן און שטרעמונגען אין דער קאנאדער געזעלשאפט, ווי א וואל־פראנט קעגן די רעאקציאנערע טארי־פארשווערונגען אין אנבליק פון די אנקומענדיקע פעדעראלע וואלן. טים באק האט דאן אנגעוויזן, אז אזא דעמאקראטישע פאלקס־פאראייניקונג,

אויב זי זאָל געשאַפן ווערן באַלד, קען באַווירקן דעם אויסגאַנג פון די פעדעראַלע וואַלן לטובת די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון דעם קאַנאַדער פאָלק און קען שאַפן דעם באַזיס פאַר אַ נייער רעגירונג — אַ רעגירונג פון גרויסע רעפאָרמען פאַר דעם נאָך־מלחמה'דיקן פעריאָד, וואָס זאָלן קענען געשטיצט ווערן פון דער אויסגעוואַקסענער טרעיד יוניאָן באַוועגונג, פון דער ברייטער נאָכפאָלגערשאַפט פון דער סי. סי. עף. און פון דער לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי, ווי אויך פון די גרויסע מאַסן קאַנאַדער, וואָס אין זייער באַגער פאַר רעפאָרמען און אַ בעסער לעבן גיבן זיי זייער שטיצע צו די ליבעראַלן. אין דער זעלבער צייט האָט טים באַק, אין נאָמען פון די קאַנאַדער קאָמוניסטן אָנגעוויזן, אַז אַזאַ פאַראייניקונג און אַזאַ נאָכפאָלגנדיקע רעגירונג פון גרויסע רעפאָרמען קען צושטאַנד קומען בלויז אויפן באַזיס פון אַגרעסיוון קאַמף קעגן דער טאָרי־רעאַקציע פון דעם דריו־מעקטעיג־ברעקען דופּלעסי לאַגער; קעגן די רעאַקציאָנערן צווישן די פירנדיקע וואָרט־זאָגער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, און קעגן די ענג־פּאַרטייאישע, אַנטי־איינזיקייט און אַנטי־סאָוועטישע פּאָליסים פון די פריידיקער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אין קאַנאַדע, וואָס געפינען זיך אין דער פירערשאַפט פון דער סי. סי. עף.

אַזאַ פאַראייניקטער דעמאָקראַטישער וואַל־פראָנט איז ניט צושטאַנד געקומען. די רעזולטאַטן פון די וואַלן האָבן נישט דערפילט די האָפענונגען פון דער מיליאָניקער אַרבעטערשאַפט און פון די אַנדערע פאָלקס־שיכטן אין לאַנד. אָבער די אידייע פון איינזיקייט און קאַמף קעגן דער רעאַקציע און פאַר גרויסע רעפאָרמען צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, האָט דערהויבן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין בײַ אַ גרויסער צאָל אַרבעטער און בײַ דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג בכלל. די לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי, מיט טים באַק בראש, איז אויסגעוואַקסן אין פּאָליטישן איינפלוס, אַלס די פּאַרטיי פון דעם קאַנאַדער אַרבעטער־קלאַס, זיין סאָציאַליסטישער געוויסן, זיין שנעל־פּולסירנדיק הארץ, וואָס קלאַפּט אין טאַקט, אין אוניסאָן מיט די אויפשטייגנדיקע פאָלקס־שטורעמס פון דעם איצטיקן פעריאָד.

טים באַק — דער אַקטיווער שונא פון אַנטיסעמיטיזם

דער נאַציאָנאַלער פירער פון דער לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי, טים באַק — דער גרויסער פריינט און פירער פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, דער אַנטשלאָסענער שונא פון יעדן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער אָדער רעליגיעזער דיסקרימינאַציע — איז, נאַטירלעך, אַ שונא פון אַנטיסעמיטיזם. ווי אַן אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט, וואָס באַטראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי „קאַניבאַליזם (מענטשן־פרעסעריי) פונעם 20־טן יאָרהונדערט" (סטאַלין), ווי אַ דערפאַרענער טרעיד יוניאָן פירער, ווי אַ פאָלקס־קעמפער, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעריסן און ניט דערווייטערט פון די מאַסן, האָט טים באַק זיך איבערצייגט, אַז נאַציאָנאַלע צעטיילונג און ראַסן־פאָראורטיילן אין די רייען פון די אַרבעטער קען בלויז ברענגען אומגליק

דעם ארבעטער־קלאַס, פונקט ווי נאַציאָנאַלע צעריסנקייט, באַזונדערס אונטער די איצטיקע נייע סאָציאַלע באַדינגונגען אין דער וועלט, קען בלויז פירן צו אַ זיג פון דער פראָ־פאַשיסטישער רעאַקציע, צו עקאָנאָמישן כאַאָס און פּאָליטישער אונטערדריקונג. אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־האַס איז פרעמד דער אידעאָלאָגיע פון דעם ארבעטער־קלאַס — האַלט טים באַק — איז דער וועג־אויסלייגער פון דעם פאַשיזם, איז די פאַר׳סמ׳טע שווערד, וואָס רעאַקציע פּרובירט אריינשטעכן אין דעם סאַמע האַרץ פון דעמאָקראַטיע, כדי זי צו דערמאָרדן.

טים באַק ווייזט אָן, אַז דאָרט וואו די קאָמוניסטן זיינען אין די רעגירונגען, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין די לענדער, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון נאַצישער הערשאַפט—דאָרט איז אַנטיסעמיטיזם פאַרבאָטן און דער קאַמף קעגן דעם דאָזיקן היטלערישן סם איז געוואָרן אַ רעגירונגס־אויפגאַבע. טים באַק ווייזט ווייטער אָן, אַז די געשיכטע פון די לעצטע דריי צענדליק יאָר לערנט אונז, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, וועלכע זיינען געווען אין די רעגירונגען אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע אייראָפּיאישע לענדער און וואָס זייערע גענאָסן אין קאַנאַדע פירן אָן מיט דער סי. סי. עף., האָבן ניט באַוויזן צו זיין וועלכע ניט איז באַוואָרעניש קעגן אנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַלער צעריסנקייט. פאַקטיש איז די איצטיקע אַנטי־סאָוועטישע, קאָמוניסטן־פרעסערישע און ענג־פאַרטייאישע פּאָליטיק פון דער קאָלדוועל־לואיס־סקאָט פירערשאַפט אין דער סי. סי. עף. אַ באַווייז, אַז די קאַנאַדער פאָרשטייער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם האָבן זיך ניט און ווילן זיך ניט באַפרייען פון די אַלטע פאַררעטערישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליסים, וועלכע טראָגן אויף זיך די היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אויפקום פון פאַשיזם צו דער מאַכט אין אייראָפּע, מיט אַלע זיינע אומגליקן. די צוקונפט פון די אידן, די רעכט צו פרייהייט און גלייכהייט פאַר די אידן, ווי פאַר אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, ליגט דעריבער ניט אין שטיצן די פּאָליסים פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, נאָר פאַרקערט, אין קאַמף קעגן אַזעלכע פּאָליסים, פּאַראַלעל מיט דעם קאַמף קעגן דער אַלגעמיינער פראָ־פאַשיסטישער טאָרי־רעאַקציע אין לאַנד מיט איר ראַסיסטישער גיפט־מישעריי.

דעריבער איז געווען נאַטירלעך, אַז די פּאַרטיי, וואָס טים באַק איז איר פירער, זאָל באַ איר גרינדונגס־צוזאַמענפאָר מיט 2 יאָר צוריק אָננעמען אַ רעזאָלוציע און איינשליסן אין איר פּראָגראַם פון באַלדיקער אַקציע די זייער וויכטיקע אויפגאַבע פון באַקעמפן יעדן אויסדרוק און יעדע פּראַקטיק פון אנטיסעמיטיזם, פון נאַציאָנאַלן אָדער רעליגיעזן פאָראורטייל. די לעיבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטיי, באַגייסטערט פון דער טיפער מענטשלעכקייט פון איר נאַציאָנאַלן פירער טים באַק, און מיט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אַלס איר פּאָליטישן וועגווייזער, איז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט אָפיציעל און אין דער פּראַקטיק דערקלערט מלחמה דעם אנטיסעמיטיזם, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פּראָגרעס און עכטער, באַפרייערישער דעמאָקראַטיע.

טים באק אין קאמף
קעגן „ווייסן פאפיר"

ווי א שונא פון דעם רויבערישן אימפעריאליזם און ווי א פריינט פון אלע אונטערדריקטע פעלקער, קומט טים באק ארויס קעגן דעם שענדלעכן „ווייסן פאפיר", קעגן דעם דאקומענט פון בריטישן אימפעריאליזם, וואס איז די איינציקע ראסיסטישע, אנטי־אידישע גזירה אין דער וועלט באם איצטיקן מאמענט.

טים באק ווייזט אויך אן, אז דאס וואס די איצטיקע לעיבאר רעגירונג פון ענגלאנד זעצט פאר די זעלבע אימפעריאליסטישע טשעמבערלעין־פאליטיק בנוגע פאלעסטינע ווי בנוגע די קאלאניאלע לענדער און פעלקער בכלל, און זאגט זיך אפ צו אפשאפן דעם דיסקרימינאטארישן שענדלעכן „ווייסן פאפיר" איז נאך א באווייז, אז פונקט ווי אין דער פראגע פון אנטיסעמיטיזם, אזוי אויך אין דער פראגע פון הילף צו די פליכטלינגען און פרייער אימי־גראציע אין פאלעסטינע, איז די סאציאל־דעמאקראטיע קיין שום באווארעניש ניט, אז די רעכט און פרייהייט פון דעם פיל־געפייניקטן אידישן פאלק וועלן אנערקענט און פארזיכערט ווערן.

:: :: ::

די מלחמה איז געענדיקט. דער נאציזם האט געקראגן א צעשמעטערנדיקע מיליטערישע מפלה. די קלאסן־מלחמה ווערט צוריק פארשארפט און פארבי־טערט. מיט דעם מארקסיזם אלס זיין וויסנשאפט, פארנעמט זיך טים באק מיט דער ארבעט פון שאפן פאליסים וואס זאלן העלפן אויספלאנטערן די קנופן, די קאמפליצירטקייטן פון דער סטראטעגיע און טאקטיק פון קלאסן־קאמף, כדי די ארבעטער זאלן קענען געווינען זייערע באלדיקע גערעכטע פאדערונגען, פארגרעסערן זייערע שריט אויף דעם וועג צו דעם ענדגילטיקן ציל — צו סאציאליזם, און די לעיבאר פראגרעסיוו פארטיי — די פארטיי פון די קאנאדער קאמוניסטן — זאל קענען דערפילן אירע אויפגאבן, וועלכע זיינען פונקט אזוי היסטאריש, ווי עס זיינען היסטאריש די אויפגאבן פון דעם ארבעטער קלאס.

:: :: ::

אט אזוי איז טים באק אויסגעוואקסן פון א בחור, וועלכער האט צו 12 יאר אנגעהויבן לערנען די ערשטע ביטערע לעקציעס פון ארבעטער לעבן און קאמף, צו אן אקטיוון מיטגליד אין דער ארבעטער־באוועגונג, צו א טרעיד יוניאן פירער, צו א פאליטישן פירער פון די קאנאדער מארקסיסטן, צו א באליבטן פאלקס־פירער, וועלכער איז די פארקערפערונג פון אלץ וואס איז עכט, שעפעריש, פראגרעסיוו און מענטשלעך אין דעם ארבעטער קלאס. איצט, צו 55 יאר, איז טים באק די שיינענדיקע, גרויסע פערזענלעכקייט, וואס איז געלייטערט געווארן אין די פייערן פון קאמף פאר די רעכט פון די ארבעטער און פון אלע אונטערדריקטע, פאר א בעסער לעבן, פאר מענטשלעכן גליק.

קינדער אין די פּוס־טריט פון די עלטערן

די קינדער פון טים און עלים באַק



פון לינקס צו רעכטס: ראָנאַלד, אַליוו און טעד. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן ווען ראָנאַלד איז אַלט געווען 12 יאָר, אַליוו 4 יאָר און טעד 8 יאָר.

טים און עלים באַק פאַרמאָגן דריי קינדער — צוויי זין און איין טאָכטער — ראָנאַלד, טעד און אַליוו. די טאָכטער אַליוו איז שוין איצט 21 יאָר. צו זעכצן יאָר האָט זי אָנגעהויבן אַר־בעטן אין דער „טאָראָנטאָ פּאַילס לימיטעד". פון דאָרט איז זי אַריבער צו מלחמה־אַרבעט אין דער „דזשענע־ראַל עלעקטריק". אָבער די אַרבעט אין דער „דזשענע־ראַל עלעקטריק" איז געווען שעדלעך פאַר איר געזונט, האָט זי געמוזט פאַרלאָזן דעם דזשאָב. איצט אַרבעט זי אין אַ באַנק אין טאָ־ראָנטאָ.

ראָנאַלד באַק האָט געלעבט אין טימינס, אָנטעריאָ זינט 1935. דאָרט האָט ער געאַר־בעט אַלס בוכהאַלטער אין דעם אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו פון צפון־אָנטעריאָ. דאָרט האָט ער אויך געהייראַט. אין 1942 איז ער אַריין אין דער אַרמיי, געוואָרן אַ קאָרפּאָראַל אין אַן אָפּטיילונג פון מאַשין־ביקסלער. מיט זיין אָפּטיילונג האָט קאָרפּאָראַל ראָני געקעמפט אין פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד. איצט געפינט ער זיך אין דייטשלאַנד מיט דעם קאַנאַדער טייל פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי.

טעד באַק איז אַ מאַשיניסט. אָנגעהויבן אַרבעטן האָט ער אין דער צייטונג „דעילי קלעריאָן". אין סעפּטעמבער 1942 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי אַלס אַ לופט־פליער — אַ פּילאָט. אָבער אַלס רעזולטאַט פון פּאָליטישער דיסקרימינאַציע צו יענער צייט מצד די מיליטערישע באַאַמטע איז טעדי באַק באַזייטיקט געוואָרן פון דעם פּילאָטן־קורס און אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם קורס פאַר דער „גראַונד קריו". ער האָט זיך קוואַליפיצירט פאַר אַ „רעפּעיר"־מאַן פון פלי־אינסטרומענטן און אויטאָמאַטישע קאַמעראַס. נאָך אַ לענגערן פּראָצעס פון כסדר'דיקע פאַרהאַנדלונגען איז טעדי באַק צוריק אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם פּילאָטן־קורס. ווען ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ העלפט פון דעם קורס, האָט זיך טעדי טראַנספערירט אין דעם באָמבאַרדיר־קורס, מיט דער האָפענונג, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער

גיכער געשיקט ווערן צו די מלחמה־פראָנטן פון יענער זייט ים. ער האָט געענדיקט דעם באָמבאַרדיר־קורס און געוואונען די „פיקעל בארעל״ אויס־צייכענונג אין זיין קלאַס. באַלד נאָך זיין גראַדואירונג איז געקומען „ווי־אי״ טאָג און טעדי האָט ניט געקענט דערפילן זיין וואונטש צו באַטייליקן זיך אין די לעצטע און אנטשיידנדיקע שלאכטן וואָס האָבן געבראכט דעם מיליטערישן זיג איבער די היטלער־ארמייען. ער איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון דער אַרמיי און ער ארבעט צוריק אַלס אַ מאַשיניסט.

טעדי באַק איז אַן אויסגעצייכנטער מאָטאָציקליסט, ער האָט געוואונען עטלעכע „קאַפּס״ אין מאָטאָציקלעט־פאַרמעסטן אין פארשיידענע שטעט אין קאַנאַדע און אויך אין באָפאַלאָ, ניו יאָרק.